STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02397

DER YUDISHER KENIG LIR

Jacob Gordin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער יודישער

קעניג ליר

דראמא אין 4 אקטען

פון

י. גארדין.

ЕВРЕЙСКІЙ КОРОЛЬ ЛИРЪ

Драма въ 4-хъ дѣйствіяхъ.

соч. **Я. ГОРДИНА**

Варшава 1907.
Тип. Н. Старовольскаго, Гусья 18.

די פערזאנען:

דוד משה׳לעם: ארייכער בעל הבית

חנה לאה: זיין ווייב

עטעלע:

גיטעלע:

(עטעלע און גיטעלע — זיינע טעכטער)

טייבעלע:

חריף: עטעלעס מאן

משה חסיד: גיטעלעס מאן

(חריף און משה חסיד — זיינע איידעמ׳ס)

יפה: טייבעלע׳ס לעהרער

שמאי: א משרת ביי דוד משה׳לעם

דינער ביי יפה, געסט, חסידים

ערשטער אקט.

(א רייך געפּוצטעס צימער, דער טיש געדעקט ווי צו א סעודה, חנה לאה מיט טייבעל'ען).

חנה: נו, דאַכט זיך אַז אַלעס איז פֿערטיג, שמאי! (ער קומט) גיה געשווינד און ברענג אַריין דעם פּורים קוילעטש.

שמאי: בעל הבית'טע האָט ניט קיין יסורים, אָט ברענג איך אייך דעם קוילעטש פֿון פּורים, דערלעבט איבער אַיאָהר מיט אייער מאַן מיט די קינדער און מיט אייערע קינד'ס קינדער.

טייבעלע: שמאי! איהר זאָגט היינט עפּיס גראַמען, ווי איין אָמת'ער בדחן.

שמאי: איך בין ניט קיין בדחן און ניט קיין לדחן און אויך ניט קיין שדכן, פּורים איז אַמצוה צו זיין פֿרעהליך, פֿערגינט מיר אויך אַמצוה.

חנה: ווער פֿערגינט דיר דען ניט? אויב דו טהוסט עס נאָר פֿון גאָט'ס וועגען, מעגסטו דיך אַפילו אָנשיכור'ן, נאָר גיה ברענג מיר אַריין דעם פּורים קוילעטש.

שמאי: ניט געשטויגען און ניט געפֿלויגען, איך פֿליה ווי אַפייל פֿון בויגען (אָב)

טייבעלע: מוטער! ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען?!

חנה: זאָג מיין קינד!

טייבעלע: אַז דער העד יפה וועט קומען מיר געבען די לעקציאָנען זאָלסטו איהם איינלאַדען צו דער סעודה.

חנה: וואָס דאַרפֿסטו דעם אָרעמען דייטש?

טייבעלע: מוטער! עס איז איין מיטלייד מיט דעם מענשען, ער איז נעביך אַזוי עלענד, ער האָט קיינע בעקאַנטע, קיינע פֿריינדע ער זיצט נעבעך שטענדיג אין זיין אַרמעס צימער, הערט ווייט אונטער דער שטאָדט (אויפֿטריט שמאי)

שמאי: אָט דאָס איז טאַקע אַקוילעטש פֿון זיין ליעבען נאָמען, פֿעט ווי אַ אָנדיג און שווער ווי אַ קשיה פֿון מהרש"א?! (טשופּט די ראָזינקעס).

חנה: גוואַלד, גזלן! וואָס טשופּסטו די ראָזינקעס?

שמאי: וועט זיין ווייניגער מיט ראָזינקע! (מען קלינגט) אַה, מען קלינגט, דאָס איז אַ ודאי דער קבצן פֿון דער אויבערשוהל, איהם שטעהט אויך נישט אָן צו געהן דורך די קיך, ער מוז זיך אויך פֿאָרען דורך דעם גרויסען טראַקט?!

טייבעלע: ניט פֿון דער אויבערשוהל, זאָנדערן פֿון דער ראַבינער־שוהל. אוי שמאי איהר האָט גאָר קיין קאָפּ ניט, נו געהט עפֿענט שוין אויף!

שמאי: אָט געה איך שוין עפֿענען (אָב)

טייבעלע: מוטער! פֿערגעס ניט, וואָס איך האָב דיך געבעטען

חנה: וואָס דאַרפֿסטו דעם אָרימען דייטש? קענסט דאָך דעם טאַטען דיינעם!

טייבעלע: מוטער, האָב ניט קיין מורא, פֿערלאָז דיך אויף מיר (אויפֿ־טריט יפה, שמאי)

שמאי: אויפֿ'ן הויכען באַרג שטעהען 2 דייטשלעך מיט...

יפה: גוט נ'אַבענד! אָה! איהר פֿרייט אייך נאָך אַלץ מיט המן'ס מפּלה אַ מצוה אויף איהם ער האָט געזעהן נאָך פֿאַר אַיאָהרען פּורים, וואָס פֿאַר אַ שוואַרצען סוף ער האָט געהאַט און ער איז נאָך ניט געוועזען פֿאָרזיכטיג אונד איז נאָכאַמאָל געקראָכען אויף דעם יודעלע—נו אַ ודאי האָבען איהם די יודען נאָך אַמאָל אויפֿ־געהאַנגען, עס לעבע די אַלטע געשיכטע מיט איהרע המן־טאַשען און גראַגערס!

שמאי: אויסגעגראַגערט זאָלען ווערען אַלע אפּיקורסים!

חנה: הער יפה! איהר מוזט היינט בעפֿרייען אונזער טייבעלע פֿון איהר דייטשע תורה, מיר זענען יודען פֿון דער אַלטער וועלט און ביי אונז איז היינט אַגרויסער יום טוב.

יפה: נו, וועל איך אייך מיט מיין דייטשער תורה נישט שטערען און איך וועל קומען מאָרגען, אַגוטע נאַכט!

טייבעלע: וואָס? איהר געהט שוין אַוועק?

חנה: פֿערבלייבט ביי אונס היינט, באַלד הייבט זיך אָן די סעודה, זעהט נאָר וואָס פֿאַר אַגעראָטענעם פּורים־קוילטש מיר האָבען?

שמאי: ווי קומט אַדייטש צום סדר? און אַ אַפּיקורוס צום פּורים־קוילטש?

יפה: איך דאַנקע! מיך אינטערעסירט שוין ניכט דער יודישער פּורים־קוילטש! איך ראַטע יעדען יודען, וואָס ווענינגער זיך צו פֿרעהען מיט די אַלטע מגילות אונד וואָס מעהר צו דענקען אָן עטוואַס נייעס! קוילטש און אַ מגילה דאָס איז די גאַנצע אידישע היסטאָריע! מגילה דאָס איז זיין אַבערגלויבען און פֿאַנאַטיזם — קוי־

ליטש, דאָס איז איין פּראַקטישעס לעבען, — אַך יודעלעך וואָס ווענִי-
גער מגילה און וואָס מעהר קוילִיטש וועט פֿאַר אייך געזינטער זיין!

שמאי: וואָס וועניגער מגלה און וואָס מעהר קוילִיטש, דאָס איז
דוקא ניט שלעכט, אַדייטש זאָגט אויך אַמאָל אַ גלייך וואָרט!

יפה: אַדיעָ!..

טייבעלע: אָבער ווען איך וועל אייך בעטען איהר זאָלט ביי אונז
פֿערבלייבען, עס וועט מיר זעהר אַנגענעהם זיין, אייך צו זעהן
צווישען מיינע פֿריינד?! פֿערבלייבט ביי אונז, העׂרר יפה!

יפה: ווען זי פֿערלאַנגען פֿון מיר, דאַן בלייב איך.

שמאי: בָּרוּךְ הַבָּא, דער דייטש איז דאָ!

חנה: אוי וועה איז מיר! איך האָב מיר דאָ אַזוי פֿאַררעדט און
דאָ איז שוין אַזוי שפּעט, דער אַלטער וועט דאָך באַלד אָנקו-
מען, רוף אַריין דיא קינדער, שמאי!

שמאי: די קינדער? (אָב)

חנה: אַלעס איז אין דער בעסטער אָרדנונג! טייבעלע, מיין קינד!
גיעב נאָר אַקוק מיט דיינע יונגע אויגעלעך, האָבען מיר נאָר
נישט פֿערגעסען? דער טאַטע זאָל חלילה ניט בייז ווערען ביים טיש.
(אָן אַ זייט) טייבעלע! קום נאָר אַהער איך האָב יסורים וואָס דו האָסט
איינגעראַדען דעם דייטש דיינעם, דו קענסט דאָך דעם טאַטען
דיינעם, איך האָב מורא דיין טאַטע זאָל אונז לכבוד פּורים ניט
אָבלייענען די מגילה.

טייבעלע: זאָרג ניט מוטער! דו ווייסט דאָך, איך בין דאָס בעליעבטע
מיזיניקעל און מיר ערלויבט ער מעהר ווי אַ אַנדערן! (אויפֿ-
טריט חריף עטעלע פֿון רעכטס, משה גיטעלע פֿון לינקס, שמאי).

אלע: גוט יום טוב מאַמעניו!

חריף: איך וועל מיך זעטצען ביים שווער'ס רעכטע האַנד...

משה: פֿאַר וואָס קומט דיר דאָס שטענדיג ביי דער רעכטער האַנד?
מיוחס מיינער!

חריף: דערפֿאַר, ווייל איך בין דער עלטערער איידעם און אויך
דערפֿאַר, וואָס איך בין ניט משה—משה חסיד!

משה: עס איז דערפֿאַר, ווייל דו ביסט אַ מתנגד און יעדער מתנגד
איז אַליטוואַק און אַ עזות מחוצף פּנים!

חריף: עס איז דערפֿאַר, ווייל דו ביסט אַחסיד און יעדער חסיד
איז בְּמְחִלָה... איך בעט איבער אייער כבוד...

שמאי: אַט האָסטו דיר אֶנְקַת מְסַלְדֶיךָ

עטעלע: (צו חריף) וואָס דאַרפֿסטו זיך קריגען... עס איז דען דאָ מיט
וועמען זיך צו קריגען?!

גיטעלע: (צו משה'ן) וואס דארפסטו האבען יסורים, דער טאטע האט דיך ליעב ניט וועניגער, ווי דעם מתנגד דעם ליטוואק!

עטעלע: איי! איי! וואס פאר אחכמה דו ביסט! יפיפיה מיינע! זאג נאר בעסער דעם חבדניק דיינעם ער זאל דיר צו מאכען דאס מויל!

גיטעלע: דו זאג בעסער דעם מתנגד דיינעם ער זאל דיר פער־מאכען דאס מויל, אשת חיל מיינע!

חנה: וואס האט איהר שוין ווידער אנגעהויבען זיך קריעגען לאז שוין זיין שטיל!

שמאי: שאט!.. ר' דוד'ל געהט, (אלע הייבען זיך אויף, אויפטריט ר' דוד'ל)

אלע: א גוט יום טוב! גוט יום טוב דיר, טאטעניו!

דוד'ל: א גוט יום טוב, קינדערלאך! לעבען זאלט איהר! חנה לאה, נעהם ארויס פון דעם קאמאד די אלטע רענדלעך אונד גיעב יעדען קינד צו צוויי רענדלעך. הײנטיגען פורים וויל איך, אז אלע זאלען געדענקען. דאס וואס איך וועל אייך היינט מיטיילען וועט אייך אלע איבערראשען. שמאי! לאז מען מיך דערלאנגען די אלטע נאליוקע צום טיש (שמאי אב) נו, יעצט זעצט אייך קינדערלאך! טרינקט און פערבייסט עפיס. קינדערלאך! געדענקט איהר נאך דעם אל תירא עבדי יעקב? (שמאי צוריק).

שמאי: וואס? אל תירא עבדי יעקב, ניט שושנת יעקב?

אלע: יא טאטעניו מיר געדענקען! (געזאנג).

I.

גאט זאגט יאנקעלען א ציינד
האב נישט קיין מורא מיין טהייער קינד.
עמלק, בלק, עמון און מואב
און נאך פיעל פעלקער א סך
איז פון אלעם געווארען א טייך,
נאר דו מיין איין און איינציג קינד
בלייבסט מיין פאלק אויף אימער ווי אצינד.

II.

דיין זיידען האב איך אמאל דערצעהלט
אז דיך אליין האב איך מיר אויסערוועהלט
דערום האב ניט מורא קנעכט מיינער געטרייער
קיין זאך קען דיר ניט שאטען
קיין בלוט, קיין וואסער און קיין פייער

פֿערזינדער דיך אויף דיין טאַטען
און האָב ניט קיין מורא קנעכט מיינער געטרייער.

III.

לאָז שוין זיין נענוג געפּלאָגט
ערלעז דיין קינד, ווי דו האָסט צוגעזאָגט
— האָב ניט קיין מורא יאַנקעלע מיין קנעכט
פֿון מיר געהט ניט אַרוים קיין אומרעכט.
אוי, וועל איך זיי שלאָגען!
אוי, וועל איך זיי יאָגען!
פֿאַר דיר, פֿאַר דיינע פּלאָגען.

IV.

פֿון דיר וועט ערשיינען איין שטערן
און דיר מיין קינד וועט ליכטיג ווערען
אוי! האָב שוין ניט קיין מורא בן יחיד׳ל מיינער
געדענק, אַז דאָס זאָגט גאָט דיינער.
אוי, וועל איך זיי שלאָגען!
אוי, וועל איך זיי יאָגען!
פֿאַר דיר פֿאַר דיינע פּלאָגען.

V.

איך וועל ניט געדענקען פֿון דיר דיינע זינד
פֿערזינדערע דיך אויף מיר, יאַנקעלע מיין טהייער קינד
האָב זשע ניט קיין מורא און האַלט נאָר מיין תּורה
לאָך דיך אוים פֿון אַלע זייערע ברוגזען
אוי, וועל איך זיי שלאָגען!
אוי, וועל איך זיי יאָגען!
אַז די צייט וועט קומען.

אלע: יִישַׁר כּוֹחֲךָ, טאַטעניו!

דוד׳ל: נו קינדערלאַך טרינקט עפּים!

שמאי: מעג איך אויך טרינקען עפּים לכבוד פּורים?

דוד׳ל: ווי באַלד דו ביסט נאָר איין ערהרליכער איד, דאַרפֿסטו היינט אַזוי פֿיעל טרינקען, אַז דו זאָלסט ניט וויסען פֿון אָרור המן ביז ברוך מרדכי.

שמאי: (טרינקט) לחיים, לחיים!

דוד׳ל: אָה! וואָס זעה איך ביי אונז איז איין גאַסט אין שטוב, לעהרער יפה! זעהר שעהן! נון, הערר יפה, טהוט אָן דאָס היטעל וועל איך מיט אייך טרינקען לחיים!

יפה: מיט אייך לחיים טרינקען? מיט פֿערגניגען! (טרינקט)

דוד'ל: אַצינד קינדערלאַך, זעהט וואָס פֿאַר אַ טייערן שלח מנות איך האָב אייך יעדערן פֿאַרבערייט, דיר, עטעלע, מיין עלטערע טאָכטער ביזט אַ פֿייערדיגע בריה, האָסט גאָלדענע הענד, האָב איך דיר געבראַכט צוויי בריליאַנטענע רינגען, זאָלסטו זיי טראָגען געזונטערהייד, אויף דיינע פֿינגער.

עטעלע: איך דאַנק דיר, טאַטעניו, דערלעב איבער אַ יאָהר מיט דער מאַמעניו אין נחת און אין פֿריידען!

דוד'ל: דיר גיטעלע, מיין צווייטע טאָכטער דו האָסט אַ פּאָר גאָלדענע אויערען וועלכע הערען אלעס און געדענקען וואָס מען זאָגט זיי, האָב איך דיר געבראַכט, אַ פּאָר בריליאַנטענע אויריינגלעך, טראָג זיי געזונטערהייד.

גיטעלע: איך דאַנק דיר טאַטעניו! דערלעב איבער אַ יאָהר מיט דער מאַמען אין נחת און אין פֿריידען.

שמאי: ער רעכענט אוים זיינע קינדער, ווי המן אין דער מגילה אֶת פַּרְשַׁנְדָתָא, וְאֵת דַּלְפוֹן, וְאֵת וַיְזָתָא...

דוד'ל: טייבעלע! קום אַהער צום טאַטען דיינעם, דו מיינע קלענסטע טאָכטער האָסט איין עדלעם הערץ, האָב איך דיר געבראַכט אַ טהייערען בראָש, זאָלסט איהם טראָגען געזונטערהייד.

אלע: הם — הם — הם.

שמאי: הייגט שטעלט אייך פֿאָר, אַז איך האָב די אַלע גאָלדענע מעלות, גאָלדענע הענד, גאָלדענע אויערען, און אַ דימענטענעם הערץ, הייגט וואָס פֿאַר אַ שלח מנות וועל איך דאָ קריגען, איך ווינשע מיר גאָר ניט צו זיין דערביי...

דוד'ל: איהר ווייסט קינדער, וויפֿיעל דער בראָש קאָסט? — 350 רובל!

אלע: פּם... פּם... פּם...

דוד'ל: נון, מיין קליינטשיק טייבעלע, געפֿעלט עס דיר? ביסטו צופֿריעדען מיט דיין מתנה? — האַ? דו שווייגסט? דו ענטפֿערסט מיר ניט?.. וואָס? עס געפֿעלט דיר ניט? ביסטו אונצופֿריעדען מיט דיין מַתָּנָה?!.. רעד! וואָס שווייגסטו?

חנה: נעהם טייבעלע דעם פּרעזענט, און דאַנק דעם טאַטען!

דוד'ל: שווייג! האָסט זי בעדאַרפֿט לערנען, ווען זי האָט וועניגער שכל געהאַט, יעצט איז שוין צו שפּעט! זעטץ דיך אויף דיין פּלאַץ! — אַהער גערה! קום אַ הער! זאָג, פֿאַר וואָס שווייגסטו, פֿאַר וואָס ביסטו אונצופֿריעדען? דער בראָש געפֿעלט

דיר ניט ? וועל איך דיר קויפען אנ׳אנדער׳ן א שענער׳ן , רעד ! פאר וואס שווייגסטו ?

טייבעלע : איך וועל דיר זאגען דעם אמת ליעבער פאטער , דער בראש געפעלט מיר זעהר , און איך בין דיר דאנקבאר , נאר איך ליעב קיין צירונג . איך פערשטעה ניט צו וואס דארף דער מענש שטאלצירען מיט גלענצענדע גלעזלעך , ווען די נאטור אליין האט איהם זא רייך בעפוצט און בעצירט , וואצו דארף דער מענש די אלע אונווירדיגע דומהייטען וועלכע ברענגען זיי ווענינ וואהרעם פערגניגען ? ! איך וועל דיר זאגען דעם אמת , פאטער ! איך בעדארף עס ניט ! און עס געפעלט מיר ניט !

דוד׳ל : עס געפעלט דיר ניט ? ניט — דארף מען ניט ! געה זעץ דיך אויף דיין פלאץ !

יפה : איהר וועט מיר ענטשולדיגען ר׳ דוד׳ל , די גאנצע וועלט רעכענט אייך פאר א קלוגען מענש ! נו זאגט ! האט טייבעלע ניט רעכט ? איז דען דאס ניט לעכערליך ווען ציוויליזירטע אונד ערוואכסענע מענשען פערשווענדען זאפיעל געלד אויף די אלע אונווירדיגע דומהייטען , וויפיעל טויזענדער ארעמע מענשען האט מען געקענט גליקליך מאכען מיט דעם געלד , וואס מען גיט אוים אויף די אלע פוסטע זאכען .

דוד׳ל : נארישקייטען ! א פרויענצימער דארף טהון , וואס מען הייסט איהר אונד זיך פוצען גלייך מיט אלע ווייבער , זי דארף זיך נישט אריינלאזען אין די נארישע פיליזאפיען . מיר זייען שוין גענוג בעשמוצט געווארען פון די מאנסבילישע פיליזאפיע , פאר א זכר אפילוזאף פאסט אפשר צו געהן מיט אויסגעקרימטע שטי-וועל , אבער אפרוי דארף פאר צירונג אונד קליידער .

שמאי : אט האסטו דיר , לא תבושי ולא תכלמי , חאפ ניט און בריה דיך ניט אב .

חריף : אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט : „אין אשה א׳א ליופי” , אפרוי איז בעשאפען געווארען פאר שענהייטס וועגען „אין אשה אלא לבנים” איין פרוי איז בעשאפען געווארען וועגען קינדער , און דער רבינו בחיי זאגט : „אין אשה אלא לתכשיטים” , אפרוי איז בעשאפען געווארען נאר וועגען צירונג וועגען .

שמאי : און ר׳ שמאי האט געזאגט א פרוי איז בעשאפען געווארען נאר צום עסען און צום שעלטען .

חריף : אונזערע חכמים האבען אביסעל מעהר פערשטאנען ווי איהר , ווי זאגט איהר ר׳ דייטש ? הא ?

משה : אוי לרבי ואוי לתלמידו , או אך און וועה איז דעם רבין מיט׳ן תלמיד , צו וואס דען האט כביכול בעשאפען א פרוי ?

עטעלע: איך וויים? איך האָב מיך קיין מאָל ניט אָבגעזאָגט פֿון צירונג און פֿון דעסטוועגען בין איך גאָט זיי דאנק געזונד און האָב קינדערלעך זאָלען מיר לעבען, פֿאָלג דעם מאַמען, ער זאָל מיר געזונד און שטאַרק זיין, און איך קריג מיך קיינמאָל מיט מיין מאַן ניט און אַז איך קום אין שול אַריין בעהאַנגען מיט צירונג פֿון אויבען ביז אַראָב, קריכען טאַקע ביי אַלע ווייבער די אויגען אַרויס. אוי! גאָטעניו! הלואי אויף אַלע יודישע טעכטער געזאָגט געוואָרען!

גיטעלע: וואָס דען האָט דיך גאָט בעשאַפֿען פֿאַר אַ יודינע? קריך ניט אין דער מאַנסבילישע פֿילאָזאָפֿיע!

עטעלע: פֿערצייהע מיר טאַטעניו! ביזט אַליין שולדיג אין דעם, אונס האָט מען געלערנט נאָר תחינות לייענען — זענען מיר ווייבער ווי עס געהער צו זיין, איהר אָבער האָט מען פֿערדרעהט דעם קאָפּ מיט לעהרערס, מיט פּיאַנעס, מיט אַנדערע שמאַכטעס, נאָך וואָס דאַרף מען דאָס?

דוד׳ל: טייבעלע קום אהער צום טאַטען דיינעם, זיי ריידען אַלע נאַרישקייטען — דו ביסט קליגער פֿון זיי; טאַקע אין אמת׳ן, צו וואָס דאַרפֿסטו האָבען צירונג צנועה מיינע? אַז גאָט האָט דיך בעצירט מיט שענהייט און חכמה. גיעב אַקוש דעם אַלטען טאַטען דיינעם!

שמאי: אַזוי וויא דער משניות זאָגט, שריי נאָך נישט האָפּ ביז דו ביסט ניט אַריבערגעשפּרונגען.

דוד׳ל: נו, קינדערלעך, טרינקט און זייט לוסטיג! נו, ר׳ יפֿה קומט אַהער וועלען מיר ווידער טרינקען לחיים! איך ליעב אַ קלוגען און אַ אָרדענטליכען מענשען, ווען ער איז אַפילו אַ אַפּיקורוס.

יפֿה: אונד איך ליעב אויך איין קלוגען און איין אָרדענטליכען מענשען, ווען ער איז אויך איין אָרטהאָדאָקס.

שמאי: איין אָרט מיט איין אָקס איז גאָר אַקאָטשערע מיט אַלאָפּעטע.

דוד׳ל: לחיים! נו, און דו מיין טייבעלע, טרינק אויך אַביס׳ל!

טייבעלע: איך קען ניט טרינקען.

דוד׳ל: אָבער אַז איך בעט דיך?!

טייבעלע: איך קען ניט, דער קאָפּ טוהט מיר וועה! איך ווער באַלד שיכור!

דוד׳ל: אָבער, אַז איך הייס! (זי טרינקט) אַזוי טאָכטעריל מיינס? ווילסט שוין גאָר ניט פֿאָלגען אַטאַטען? — כל זמן איך לעב וועט איהר אַלע טהון מיין ווילען! אַז איך זאָג אַז אַצונד איז טאָג—מוזט איהר אַלע זאָגען אַז אַצונד איז טאָג, און אַז איך זאָג, אַז אַצונד איז

נאַכט, מוסט איהר אַלע זאָגען, אַז אַצונד איז נאַכט—איז דאָס אַזוי?

אַלע: געוויס! געוויס!

עטעלע: ווי קען דען זיין טאָג, אַז דער טאַטע וויל עס זאָל זיין נאַכט?!

חריף: אַקלייניגקייט כבוד אב!

דוד'ל: אַז איך זאָג צום בייַשפּיעל, אַז דאָס איז גאָר ניט שמאי נאָר דאָס איז אַפערד—זאָ מוסט איהר אַלע צושטימען, אַז דאָס איז אַפערד! אַפילו שמאי אַליין דאַרף עס אויך זאָגען! זאָג שמאי! וואָס ביסטו?

שמאי: אַפערד בעל הבית, אַפערד פון זיין ליעבען נאָמען!

אַלע: חא... חא... (לאַכען).

דוד'ל: אַזוי! זייט אַלע לוסטיג און פרעהליך! נו ר' יפה זינגט עפּעס אַ דייטשען מה יפית, אָדער ווי רופט מען עס ביי אייך?

יפה: איהר וועט מיר ענטשולדיגען איך קען ניט זינגען.

טייבעלע: פאַטער! דער העָר יפה קען זאָ שען זינגען!.. זינגט אונס עטוואָס הער יפה!

שמאי: לאָז ער זינגען פון יודישען טהעאַטער.

יפה: אָבער וואָס זאָל איך זינגען פיר זאָ איין געזעלשאַפט?.. האַ!.. שוין גוט, איך וועל אייך זינגען דאָס ליעד פון מיין עלטער־זיידען.

שמאי: מעג זיין אַפילו פון דער עלטער באָבע!

יפה: (זינגט).

אודה לאל לבב חוקר
ברן יחד כוכבי בקר.

מענשען וואַכט אויף פון אייער שלאָף.
הערען און דאַמען לויבט גאָט צוזאַמען.
ער גיעבט אונס דאָס לעבען ער גיעבט אונס דאָס ברויט,
חיות און פייגעל לויבען שוין גאָט.
אודה לאל לבב חוקר... א. ז. וו.

דער לייב דער ווילדער, מיט זיין געפילדער,
קוקט מיט זיין אייגעל און שאַרפט שוין די נעגעל.
ער ברומט אויף זיין אָפּפער דאָס איז זיין ברויט,
אָט די ווילדע חיה לויבט אויך שוין גאָט.
אודה לאל לבב חוקר... א. ז. וו.

פון לייבס געפילדער איז דער טיגער נאָך ווילדער.

ער לאזט קיין געביין פון זיינע ציין
ער לעקט אויס דאס בלוט דאס איז זיין ברויט ,
אויך די ווילדע חיה לויבט אויך שוין גאט ,
אורה לאל לבב חוקר ... א. ז. וו.

די פייגע׳לעך חאפען פון די בלעטלעך די טראפען ,
זיי פליהען , זינגען און קערענדליך שלינגען ,
זיי ערנעהרען זייערע קינדער מיט דעם מויל פול ברויט
און אלע אין איינעם לויבען אויך גאט .
אורה לאל לבב חוקר ... א. ז. וו.

הריף : מיר דאכט זיך אז דאס מוז זיין גאר א פערשטעלטער דייטש אין גרונד שטאמט ער גאר פון חסידים, ער מוז זיין פון משה חסיד׳ס באנדע .

שמאי : ער איז אגלגול פון מיין זיידענס לולקע .

משה : שווער ! וואס בעליידיגט ער מיר , וואס פארגלייכט ער מיר עפעס צו דעם דייטש דעם אפיקורוס ?! אויף זיין מתנגדות האט ער ניט וואס גרויס צו זיין ! דען דאס מתנגדות אליין שטאמט פון ווילנער גאון !

יפה : איך זאל מיר ווערען מאכען פון אייער בעליידיגונג , הייסט עס צו נידריג , אבער איך וועל אייך ווייזען , אז אויף מיינע פראגען קענט איהר מיר קיין אנטווארט ניט געבען ,— זאגט מיר וואס איז גאט , א חסיד צו א מתנגד ?!

דוד : שטיל ! ביי מיר אין שטוב ערלויב איך ניט חוזק צו מאכען פון גאט , און אויב איהר זענט נאר פילאזאפען אום דאמיט צו לאכען פון יעדער היילגטום , זענט איהר שוסטערס און ניט קיינע פילאזאפען !

שמאי : אויב ער איז אשוסטער לאז ער מיר מאכען אפאר שבת׳דיגע פאנטאפעל !

יפה : פון גאט ערלויבט איהר ניט ביי אייך אין שטוב צו לאכען , פון אמענשען יא ?! איך וויל אבער ביי אייך ניט אום ערלויבניס פרעגען וואס איך דארף רעדען און וואס ניט ! גוטע נאכט !

דוד׳ל : בלייבט ! איך וויל ניט אז איהר זאלט אוועקגעהן , בלייבט ! איך הייס אייך !

יפה : איהר הייסט מיר ?! הייסען קען מיר נאר מיין קאפ , מיין פער-שטאנד . מיין קאפ האט מיר געהייסען איך זאל ניט זיין אזוי דום און אזוי אבערגלויביש ווי איהר , איך זאל ניט זיטצען טאג און נאכט אין בית המדרש , אין אזא פאנאטיזמוס ווי איהר אלע ; צו-

ליעב וואָס בין איך דען געגאַנגען טאָג ווי נאַכֿט צו פֿוס און האָב געליטען הונגער, קעלט און נויט? איך האָב אַוועק געווידמעט אַלעס וואָס האָט מיך געהינדערט צו מײַן ציעל און איך בין בערײַט נאָך מעהר צו הונגערן אום צו ערפֿילען אַלעס, וואָס מײַנע געדאַנקען, מײַן פֿערשטאַנד דיקטירט מיר. מיר קען נאָר הײַסען מײַן קאָפּ, אָבער ניעמאַנד מעהר (צייגט אויף דוד'לם קינדער) מיט זיי קענט איהר אײַך שפּיעלען ווי מיט שאַך־מאַט־פֿיגורען אָבער ניט מיט אונס ציוויליזירטע מענשען וועלכֿע האָבען שוין די אויגען אויפֿגעמאַכֿט און מיר לאָזען אונס ניט מעהר אַרומפֿיהרען בײַ דער נאָז פֿון דעם פֿינסטערען פֿאַנאַטיזמוס!.. אדיע!..

דוד'ל: בלײַבט דאָ ר' יפה! איך וויל ניט איהר זאָלט אַוועק פֿון מײַן שטוב אַבעליידיגטער.

טייבעלע: הער יפה! איך בעט אײַך, בלײַבט דאָ!

עטעלע: נאַ דיר גאָר אַדײַטש צום טיש!

שמאי: אוי די דײַטשען, די דײַטשען! זיי פֿערשטערען אונס אַלע מאָל די שמחות. ר' דוד'ל! וואָס איז דאָס עפּעס? נישט דעם ערשטען פּורים בין איך בײַ אײַך, עפּיס אַלע מאָל איז געווען אַזוי לוסטיג, פֿרעהליך, מען האָט געזונגען, געטרונקען.

דוד'ל: נאַ טרינק!

שמאי: (טרינקט).

דוד'ל: וואָס איז דאָס שמאי גאָר אָהן אַ ברכה?

שמאי: איך האָב שוין, הײַנט געמאַכֿט אַסך ברכות, ראשית איז דער ווײַן אַליין א ברכה והשנית טרינק איך ניט נאָר איך גיעם נו, און איבער גיעכען מאַכֿט מען דאָך געוויס קיין ברכה ניט! נו זעהט איהר אַז עס מאַכֿט זיך בײַ מיר אַ בעזונדער געלעגענהייט אַז מען דאַרף טרינקען אַ וויוואַט מיט אַ כּוס, דאַמאָלסט געהט עס בײַ מיר ניט אָהן אַ ברכה, בײַ יעדע געלעגענהייט חאָב איך אַ אַנדער ברכה, איך קען זיי אַלע.

(געזאַנג בורא פּרי הגפן, זעה לעצטע זייט).

דוד'ל: אַצונד מײַנע ליעבע קינדער הערט מיך אויס! איך האָב אײַך צו זאָגען זעהר וויכֿטיגעס. ביז יעצט האָב איך געטהון, וואָס צו גאָט איז צו גאָט וואָס צו לײַט איז צו לײַט, פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וויל איך מיך איבערגעבין נור צו גאָט! וואָס דאַרף איך מיר דולען אַצונד דעם קאָפּ?! גאָט האָט מיך געבענשט מיט אַזוינע פֿײַנע קינדער, דאַרום האָב איך מיר בעשלאָסען אײַך אַלע איבער צו געבען מײַן גאַנץ פֿערמעגען אונד איה"ש באַלד נאָך פּסח פֿאָהר איך קיין ארץ ישראל, דאָרט וועל איך מיר פֿערברענגען

מיין איבעריג ביסעל יאהרען, על התורה ועל העבודה. מיין גאנץ פערמעגען, הייזער, קלייטען און מזומנים בעטרעפען 3 מאל הונדערט טויזענד רובל.

אלע: קיין עין הרע!

משה: שי... שי... שי... 310 וועלטען האט גאט בעשאפען אויף יענער וועלט פאר יעדען צדיק.

דוד'ל: איך האב שוין געמאכט אפאפיער ביים נאטאריוס, אז איך גיעב אייך איבער מיין גאנץ פערמעגען, און פאדערע פון אייך איהר זאלט אלע לעבען בשלום.

שמאי: זיי וועלען זיך מיט גאטעס הילף אלע דראפען ווי די קעטש.

חנה: וועה איז מיר! וואס וועט פון מיר ווערען?! דו האסט דאך מיר גאר נישט געזאגט!

דוד'ל: וואס דארף איך דיך פרעגען, און מיט דיר זיך איין עצה האלטען? איך וועל דיר הייסען זאלסט פאהרען, וועסטו פאהרען! די קינדער זענען אונזערע, אונד דאס זייעריגע, איז אויך אונזערס.

חנה: יא, יא! זיי וועלען דיך שוין גוט פערזארגען הלואי איך זאל אליגען זאגען, דו וועסט שוין נאכדעם זעהן.

עטעלע: מאמעניו, וואס רעדסטו? וואס זענען מיר עפים ווילדע מענשען? מיר זענען דאך אייערע לייבליכע קינדער, איהר זאלט מיר נאר געזונד און שטארק זיין.

דוד'ל: גערה זעץ דיך אויף דיין ארט, דוד משה'ס פרעגט ביי קיינעם קיין עצות! איך גיעב אייך איבער מיין פערמעגען און געדענקט אז איבער אייך הערשט—און עס וועט אייביג הערשען מיין ווילען! נו, זאגט קינדער ווי געפעלט דאס אייך? איך וויל הערען!

עטעלע: טייערער, זיסער, ליעבער פאטער! אייביג וועלען מיר און אונזערע קינדער דיר דאנקבאר זיין, מיר וועלען זיך גרויס האלטען מיט אונזער גוטען און ליעבען פאטער. זאגט! איז דען דאס ניט דאס גרעסטע גליק צו האבען אזא פאטער, אזא חכם, אזא למדן, איין פרומען עהרליכען יודען!? דאס רייכקייט, וואס דו לאסט אונס איבער איז א גארנישט! דער כבוד אז מיר זענען דיינע קינדער, דאס איז טייערער פון אלעם, דאס מאכט אונס שטאלץ אונד עוויג גליקליך. ערלויב מיר טאטעניו דיר איין קוש צו געבען אין די האנד.

דוד'ל: מיין טייערע אשת חיל! דו ביסט די איינציגע אשת חיל פון וועלכע שלמה המלך האט געזונגען אין זיין ליעד.

שמאי: ווען איך וואלט געוועזן שלמה המלך וואלט איך פון איהר איין אנדער ליעד געזונגען,— זה חליפתי!

חריף: די גמרא זאגט אין השכינה שורה א״א על גבור, עשיר ובעל

קומה—די שכינה רוהט נור אויף איין שטאַרקען, רייכען אויף איין הויכגעוואַקסענעם מענשען. איהר שוועהר האָט די אַלע מעלות, אויף אייך רוהט דאָך די שכינה און אַלעם וואָס איהר זאָגט, וואס איהר טהוט איז מן השמים און איהר ווייסט וואס איהר טהוט, און מיר זינדיגע מענשען טאָרען קיין שאלות ניט פֿרעגען.

דודיל: אַ חריף רעדט ווי אַ חריף!

גיטעלע: טאַטעניו, מיר פֿערדריסט זעהר, וואס דו פֿערלאָסט אונס, נור אַז דו טהוסט עם מן הסתם ווייסטו דאָך וואָס דו טהוסט. טאַטעניו איך געדענק נישט צו האָסט דו מיך אין דיין לעבען ווען געקושט, ערלויב מיר יעצט מיט דיר זיך צו קושען.

דודיל: חסידה מיינע, שטילע, פֿרומע טאָכטער מיינע! איהר מיינט אַז איך האָלדז אייך ניט און קוש אייך ניט וויא אַנדערע, האָב איך אייך ניט ליעב? אָה נייַן קינדער! איהר זייט מיין לעבען, מיין אַלעם!

משה: וואויל איז דעם מענשען, וואָס קען דאָס ערדרייבען און וואויל איז צו די קינדער, וואָס האָבען אַזאַ טאַטען.

דודיל: איך זעה ווי אייערע רייד געהען טיעף פֿון הערצען, מיך קען מען ניט נאַרען, איך קען יעדען דורך און דורך.

שמאי: אַזוי פֿיעל גלעזלעך בראָנפֿען זאָל איך היינט אויסטרינקען וויפֿיעל מאָל איך האָב איהם שוין אָבגענאַרט.

דודיל: נו טייבעלע! וואָס זיצסט דו אַזוי פֿערטראַכט? האָסטו געהערט, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט?! דו ביסט אַצונד די רייכסטע כלה אין ווילנאָ! חריף ווען שוין פֿון דיינעטוועגען אויסזוכען אַחתן איין אַנטיקעל! נו, ווי געפֿעלט עם דיר מיין מיזיניקעל?

טייבעלע: איך ווייס פֿאָטער, דאָס דו ווערסט ווערען ווידער שטאַרק בייז, דאָך מוז איך דיר זאָגען די וואַרהייט, אַז דער פּלאַן געפֿעלט מיר גאָר ניט. וואָס האָט מיר צוגעפֿעלען? וואָס זאָל מיך פֿרייען? דאָס וואָס דו פֿערלאָסט אונס?! אָדער וואָס דו גיעבסט מיך איבער אין די הענד פֿון דעם פֿאַלשען אברהם חריף? טאַטעניו! צושטער ניט אַליין דיין אייגען גליק פֿאָלג מיך, טהוע עם ניט! איך בעט דיך!

דודיל: וואָס? דו וואַגסט צו זיין אונצופֿריעדען?.. דו וואַגסט מיר דאָס צו זאָגען און מיר עצות געבען?.. דו וואַגסט מיר צו זאָגען אַז איך זאָל דיך פֿאָלגען?!.. און איך אַלטער נאַר האָב געמיינט, אַז זי וועט מיר ערפֿרייען דאָס הערץ מיט זיסע דאַנקבאַרע ווערטער, אַז זי וועט מיר צו געבען קראַפֿט צו געהן מיט דעם וועג, וואָס גאָט הייסט געהן יעדען מענשען, וועלכער פֿערשטעהט, אַז די וועלט איז נאָר הבל הבלים. איך טהו, ווי איך פֿערשטעה! אַוועק פֿון מיינע אויגען!

טייבעלע: זעה פֿאָטער דו זאָלסט נאָכהער קיין חרטה ניט האָבען.

דודל: אוועק פֿון מיינע אויגען, זאָג איך! (טייבעלע אָב).

יפה: ר׳ דוד׳ל! איהר וועט מיר ענטשולדיגען, איך ווייס ניט צו האָט איהר אַמאָל געהערט פֿון דעם וועלט-בעריהמטען שרייבער שעקספּיר, איך קען אַ דראַמאַ פֿון איהם מיט דעם טיטעל „קעניג ליר" דער קעניג האָט גראַדע ווי איהר ביים לעבען צו טיילט זיין מלוכה, גראַדע ווי איהר האָט פֿערשטויסען פֿון זיך אייערע געליעבטע טאָכטער טייבעלע, אַזוי האָט ער פֿון זיך פֿערשטויסען זיינע געליעבטע טאָכטער קאָרדעליא, וועלכע האָט איהם די וואהרהייט געזאָגט, אַך ווי טהייער האָט דער אַלטער דאַפֿיר בעצאָהלט אונד איהר זענט יעצט איין יודישער קעניג ליר אונד בעהיטע אייך גאָט פֿאַן זאָ איין ענדע צו וועלכע דער קעניג ליר איז געקומען. אַדיע זייט גליקליך, ווי איהר ווינשט אייך אַליין (אָב).

דוד׳ל: הער יפה!..

שמאי: ר׳ דוד׳ל! וואָס וועט פֿון מיר ווערען? איהר ווייסט דאָך אַז חוץ אייך האָב איך קיינעם ניט, איהר פֿאָהרט קיין ארץ ישראל נעהמט מיך אויך מיט. מען זאָגט, אַז דאָרט איז דאָ אַסך ציגען זאָל דאָרט זיין נאָך איין נאַרישע ציעג.

דוד׳ל: נאַרישער שמאי! דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט ווער עס איז מיר טריי, אונטערגעבען? אָה ניין! איך ווייס דאָס דו בּיסט מיר עהרליך, דאַרום דאַרטען, וואו איך וועל זיין וועסטו אויך זיין.

שמאי: איך דאַנק אייך.

דוד׳ל: וואָס זיצט איהר מיט אַראָבגעלאָזטע נעזער?! עסט, טרינקט זייט פֿרעהליך (אויפּטריט באַהר).

אלע: גוט יום טוב! (מען זינגט, זעה לעצטע זייט).

צווייטער אקט.

(אַ שעהן צימער אין ביידע זייטען טישלעך
מיט בענקלעך שמאי נעבען וויגעלע).

שמאי: אַי ליו, ליו, שלאָף. שלאָף דו קליין צוציקעל! שלאָף, ווער אַנטשלאָפֿען קליין פֿייגעלע מיינס, נו, שלאָף שוין!— וואָס? דו ווילסט ניט? אָט קריגסטו באַלד פֿון מיר אַ טראַסק אין די ציינער, געהן דיר באַלד אַלע צעהן אַרויס!.. די וואָס דו האָסט ניט!— אויף דער עלטער האָט מען מיך געמאַכט פֿאַר אַ דינסט, מען האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ ניאַנקע! אַ שעהנע ניאַנקע בין איך? דאָ

פֿאַל'ט בײַ מיִר אַרױס דאָס קיִנד אונד צובּרעכט זיִך רוק און לענד, דאָ גיִעב איִך אַשטאַרקען קאַטשע דאָס וויִעגעל און עס קעהרט זיִך איִבּער הכל שבכל, דאָ פֿערשטעפּע איִך מיִך און פֿאַל אַלײן איִבּער דעם קיִנד — יאַ, יאַ!.. די וועלט איִז אַדרעדיִל, דאָ ניִט לאַנג מיִט אַ יאָהר צוריִק בּיִן איִך געווען אַ קאָמיִסיאָנער בּײַ ר' דודל'ן, איִך האָבּ פֿון זײַנעטוועגען געקריִעגען גוטע טאַבּאַק, חרוסת אויף פּסח, גריִנס אויף שבועות און אַ אֶתרוג מיִט אַ לולב אויף סוכּות, וואַקס אויף הבדלה, אַ קאַרפּ אויף שבת און אײנמאָל איִן 2 אָדער 3 חדשיִם. אַז עס פֿלעגט זיִך מיִר גלוסטען, פֿלעג איִך איִהם אַמאָל אָבּ=פּוטצען די שטיִוועל, און הײַנט בּיִן איִך בּמחיִלה ניִט מעהר, ווי אַ פּראָסטע דיִענסט=שיִקסע. אַנשטאַט חרוסת הײסט מען מיִר אויסקעהרען די שטוב, אַנשטאַט שמעק=טאַבּאַק מוז איִך גאָר שלעפּען וואַסער, האָלץ— שלעפּען עופֿות צום שוחט, טראָגען פֿון דער גאַס דעם קויש, איִך אַרבּײט ווי אַ פֿערד, און פֿאַר מײַן שווערע אַרבּײט קריִעג איִך מכּות אויפֿ'ן פּוד און עסען גיִט מען מיִר אַ קדחות. בּײַ ר' דודל'ן האָט יעדער געמאָגט עסען וויפֿיִעל ער האָט נאָר געוואָלט און בּײַ עטלעכן איִז אַלעס פֿערשלאָסען, זי זאָגט נאָר אַז איִך דאַרף וואָס מעהר אַרבּײטען און וואָס וועניִגער עסען. נור פֿאַר מיִר וואָלט מיִך שוין ניִט געאַרט, נאָר אַז ר' דוד'ל און די אַלטע בעל הבּיִת'טע לײַדען אויך נעבּעך הונגער!.. אַי אֶרץ ישראל, אֶרץ ישראל! אַ שעהנע חתונה האָסטו אונז אָבּגעשפּיִעלט זאָל איִך קרענקען, אויבּ איִך וועל שרײַען, לשנה הבּאה בּיִרושליִם, נײַן, בּעסער קײן מצריִם (זינגט).

I.

אַ רעדעלע איִז די גאַנצע וועלט
עס דרעהט זיִך אַ היִן און אַהער,
אײנעם צום דלות דעם צווײטען צום געלד
ווי ווען עס איִז נאָר בּאַשערט,
אֶרץ יִשראַל האָט זיִך איִהם פֿאַרגלוסט
ווער האָט דאָס געקאָנט פֿאַרשטעהן
פֿערטײלט זײַן פֿערמעגען גאָר אומזיִסט אומניִסט
אַלעס טהוט זיִך דער מענש נאָר אַלײן

II.

חריִף דער אײדעם אָ דער בּאַנדיִט
זשאַלעוועט אַ שטיִקעל בּרויט
ער צאַפּט פֿון אונז טראָפּען=ווײַז בּלוט

און לאָזט אונז אין דוחק און נויט
ער וויל ניט געבען צו עסען—גאָר ניט
אָ איז דאָס אַהונד מיט שאַרפֿע ציִיהן
ער טוט אַזוינס, וואָס מען טאָר ניט
דער מענש ער טהוט זיך אַלעס אַליין!

III.

מיר איז חלעבען אַ גרויסער פֿאַרדראָס
אויף עטעלען חריף׳ס ווייב...
יעדער זאַך האַלט זי אונטער אַשלאָס
אַז ברענען זאָל אויף איהר דאָס לייב
די מאַמען באַפֿעהלט זי, גלייך ווי אַ דיענסט
וויעגען דאָס קינד און נאָך נעהען
דאָס גיהנם עטעלע, חלעבען פֿערדיענסט
ווייל דער מענש טהוט זיך אַלעס אַליין.
(אויפטריט חנה לאה מיט עטעלען).

עטעלע: שמאי! גיב דער מאַמען דאָס קינד וועט זי דאָס צו וויעגען און דו געה טראָג אָן אַביסעל האָלץ און וואַסער אין קיך אַריין און דאָס געוועלב קעהר אויס!..

שמאי: עטעלע! איך וויל בעסער ר׳ דודל׳ן צו גרייטען צום טיש עפּיס עסען. ער האָט דאָך נאָך היינט אין זיין מויל ניט געהאַט, עס איז 11 אַזייגער, ער וועט געוויס באַלד קומען פֿון בית המדרש אַ הונגעריגער.

עטעלע: געה! געה! דו מיינסט, אַז דעם טאַטען ליעגט ניט מעהר אין זינען נאָר עסען ווי דיר?! אַזאַ גראָבער יונגאַטש, דענקט נאָר אָן פֿרעסען און זויפֿען!

שמאי: שאַ! נו, אַז ר׳ דוד׳ל איז אַלמדן מיינט איהר מוז ער קענען לעבען מיט נסים? פֿערקעהרט, מיין גראָבע קישקע קענט איהר אָנשטאָפּען אַפֿילו מיט אַלטע שמות אָבער ר׳ דוד׳ל דאַרף טאַקע עסען.

עטעלע: דו האָסט שוין געעפֿענט דיין פֿערדיש מויל? געה שוין טהו וואָס מען הייסט דיר!

שמאי: גוטע יאָהרען, אַז שמאי ר׳ב דודל׳ס דאַרף ווערען אַ האָלצ-האַקער און אַ וואַסער טרעגער! אָי ארץ ישראל!„ (אַב).

עטעלע: מאַמע! אַז דו וועסט פֿערוויעגען דאָס קינד, זאָלסטו איבערקוקען אויף אַ ווײַלע די וועש, פֿאַרריכטען און צו נעהען קנעפּלעך וואו מען דאַרף.

חנה: מ׳שטיינס געזאגט, וואס פאר א נייטערקע איך בין מיט מיינע קראנקע אויגען.

עטעלע: האסט דאך ברילען, צו ניין? אקנעפיל איז אויך אגרויסע זאך צו צונעהען?! וועה איז מיר, יעדע קליינינגקייט איז ביי זיי אגרויסע ארבייט, יעדע זאך איז זיי צו שווער! איך פערשטעה ניט ווי קענען מענשען ארומגעהן פוסט און פאס, מיר דאכט זיך איך וואלט משוגע געווארען איך זאל ניט האבען וואס צו טהון (אב)

חנה: (וויעגט דאס קינד) א, א, א, שלאף מיין קינד א.. (ווערט אנטשלאפען, אויפטריט דוד׳ל).

דוד׳ל: חנה לאה! דו שלאפסט? וואס איז דאס? (ער וועקט איהר).

חנה: (חאפט זיך אויף) הא?... דו ביסט עס? — וואס זאגסטו? איך בין אזוי אנדרימעלט געווארען.

דוד׳ל: און די אלטע אויגען דיינע זענען פערוויינט! אשעהנעם עלטער האבען מיר דערלעבט?! אשעהנעם!. מיין שולד!.. מיין שולד!

חנה: וואס דארפסטו האבען יסורים דער קליגסטער מענש בענארישט זיך אויך אמאל!..

דוד׳ל: יא, אז גאט וויל שטראפען א מענשען נעהמט ער פון איהם צו זיין שכל. אבער חרטה האבען?.. ניין!.. צו שפעט חרטה צו האבען!

חנה: דו ווילסט דאך געוויס עפים עסען?!

דוד׳ל: יא! איך האב נאך היינט ניט געגעסען, עס קלעמט מיר זעהר דאס הארץ!

חנה: איך וועל געהן זעהן אפשר וועל איך עפים קריגען ביי עטעלען וואס צו עסען?! (אב)

דוד׳ל: מיין שו.ד! מיין שולד!.. איך בין געוועזן א חכם און האב מיך אליין געמאכט צום נאר, איך בין געוועזן א גביר און מיך אליין געמאכט פאר א קבצן! אבער חרטה האבען? ניין!.. איך וויל ניט זינדיגען פאר גאט ברוך הוא!.. (אויפטריט חנה לאה).

חנה: אלץ איז פערשלאסען! וועה איז מיר! וואס טהוט מען?

דוד׳ל: וואס האסטו יסורים נאר איינע?! פערקעהרט, וואס ווייניגער איך וועל איצט עסען דעסטא ווייניגער וועלען נאך מיין טוידט די ווערים הנאה האבען!..

חנה: בעסער וואלטען מיר שוין געווען פערבליעבען אין ארץ ישראל איידער צו קומען אהער אויף אועלכע צרות!

דוד׳ל: וואס? אין ארץ ישראל? וואס האסטו געוואלט דוד משה׳לעס זאל אויך ווערען אשנארער און לעבען פון קצבה?! ניין! איך

האב געמוזט פאהרען אהיים צו מיינע אונדאנקבארע קינדער און זיי וויזען אז זיי זענען מיך נאך ניט פטור געווארען, זיי וויזען אז איך לעב נאך ! איך לעב נאך !.. (אויפטריט גיטעלע, שמאי).

גיטעלע: טאטע !..

דוד'ל: הא ?!..

גיטעלע: האסט ניט געזעהן ערגיץ מיין משה'ן אין בית המדרש ?!

דוד'ל: ניין, כ'האב איהם ניט געזעהן !

גיטעלע: גאנצע טעג געהט ער ארום מיט זיינע חבדניקעס, מיר זענען אלע אומגליקליך זייט דעם טאג וואס דו האסט אונס איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם מתנגד. אשעהנעם תכלית האסטו געמאכט פון דיר חלעבען ?!.. ניטא וואס צו רעדען !

חנה: שוויינ ! וואס דארפסטו איהם נאך שיטען זאלץ אויף די וואונדען ?!

דוד'ל: ניין ! ניין ! שווייגט ניט !.. דערמאנט מיך יעדע מינוט וואס איך האב געטהון !.. צאפט מיר טראפען־ווייס מיין בלוט, האט ניט קיין רחמנות, דען איך האב עס פערדינט !..

שמאי: אוי ! בין איך הונגריג !...

גיטעלע: טאטע ! טייבעלע איז דא געוועזען, זי פאהרט דאך קיין פעטערבורג ! זעהסטו, נארישקייטען—און אזוי וועט זי נאך לאבען פון אונס אלע !

דוד'ל: זי לאכט שוין אצונד אויך פון אונס אלע ! נאר דערמאנט מיר ניט איהר נאמען ! אברהם חריף און עטעלע קרענקען מיר ניט אזוי פיעל, ווי דאס שטילע טייבעלע, זיי זענען לכל הפחות ניט אבגעטרעטען פון יודישקייט, דאס וואס זיי טהוען מיר, ווייסט נאר איין גאט, אבער זי איז מחלל השם בפרהסיא, זי האט מיך מבוזה געמאכט פאר אלע יורען ! דוד משה'לעס טאכ־טער—אלעהרערקע ! אדאקטארקע !.. אוי ! דערמאנט ניט איהר נאמען, איך וויל פון איהר ניט הערען און וויל פון איהר ניט וויסען !

שמאי: וואס האט איהר אייך דערמאנט עפיס א נייעם ? פאר וואס דערמאנט איהר אייך ניט אז ר' דוד'ל האט נאך היינט ניט געגעסען ?! איך אליין געדענק עס זעהר גוט, ווייל איך בין אויך שטארק הונגריג. אוי ! ווי א גאנצער פאלק סאלדאטען פויקען ביי מיר אין בויך. (אויפטריט עטעלע מיט א טעלער רעטיך און ברויט)

עטעלע: טאטע ! אפשר ווילסטו עפיס עסען ?

גיטעלע: נאך נישט צייט געטרייע שוועסטער מיינע ?!

עטעלע: געה ! געה דיר פון דאנען ! וואס דארפסטו דעם טאטען דולען דעם קאפ, נארישע בהמה !

גיטעלע: גערהסט אַוועק פֿון מיר?! וואָרום איך דראַפּע דיר אוים די אַרעסטאַנטסקע אויגען דײַנע!

עטעלע: אַזוי גיעבסט עס אָב כבוד דעם טאַטען?! אַשעהנע טאָכ־טער! אַזאַ מזל אויף דיר!

גיטעלע: אַזאַ מזל אויף דיר!

שמאי: (אַפּאַרט) אַזאַ מזל אויף אײַך ביידע!

עטעלע: טאַטע, פֿערבײַס דער ווײַל אַשטיקל רעטיך מיט בולקע, באַלד וועלען מיר עסען מיטאָג!

דוד'ל: איך בין שוין זאט מײַן טאָכטער! דאַנקען גאָט שוין זאַט!

עטעלע: פֿון דאַנען ביז אַהין איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פֿער־לאָזען, דער חבדניק שיכּורט, און איך מיט מײַן מאַן אברהם'לען מוזען מיר האָרעווען ווי די עזל'ען!

שמאי: שרײַען און שילטען איז טאַקע אַשווערע מלאָכה, אָט אַזוי האָרעווען זיי זיך אָן גאַנצע טעג און פֿערגעסען אַז מען דאַרף עסען! אוי, בין איך הונגעריג! (מען הערט משה'ן זינגען הינטער דער סצענע) אַהאַ מען האָט איהם דערמאָנט (אויפטריט משה).

משה: (שיכּור) אַגוט מאָרגען אײַך, מרנן ורבותי! שלום עליכם שווער! אָה!.. עטעלע!.. ווען דו וואָלסט געווען אַתפֿילין זעקעל וואָלט איך דיר אַקוש געטהון.

שמאי: ווען זי וואָלט אָבער געווען אַברויט וואָלט איך איהר אויפֿגע־געסען.

משה: שווער! איהר האָט פֿערגעסען אַז הײַנט איז ר' מנדלי'ס יאָהר־צײַט?!

גיטעלע: וועה איז מיר ווי שיכּור דו ביסט! געה לעג זיך שלאָפֿען, ווי שעמסטו זיך ניט פֿאַר'ן טאַטען?! געה שוין, שיכּור אײנער!

משה: ווער איז אַשיכּור?!.. דו זאָגסט אַליגען ווי אַמתנגד! איך בין נאָר אַביסעל בגילופֿין ווי אַ עהרליכער איד דאַרף זײַן.

עטעלע: קלײַב נחת פֿון דײַן מאַן, יפֿי־פֿיה מײַנע!

גיטעלע: דו זאָרג דיר פֿאַר דײַן מאַן, אשת חיל מײַנע!

משה: וואָס דען? דער מתנגד האָט אַרײַנגעחאַפּט אין זײַנע לאַפּעס די גאַנצע מלוכה פֿון אונזער קײסער מיט דער ליבע ווי דער אַפּיקורוס יפֿה האָט געזאָגט, וואָס בין איך דאָ אין דער אמת'ן פֿאַר אַשמעלקע? וואָס האָב איך דאָ צו טהון?!

שמאי: (אַפּאַרט) אַז מען האָט ניט וואָס צו טהון, שלאָגט מען זיך קאָפּ אָן וואַנד.

משה: זיץ איך מיר בעסער אין בית המדרש שטענדיג און נעהם מיר צו ביסלעך משקה. — און משקה איז אין בית המדרש דאָ. דאָ האָט איינער געענדיגט אַ מסכת איז דאָ אַסיום — טרינקט מען משקה, — דאָ האָט איינער יאָהרצייט נאָך זיין טאַטען, איז דאָ משקה, — די רביצין איז געלעגען געוואָרען, אַרויס מיט משקה — דאָ האָט זיך אַ חסיד צו פּליאַשקעט מיט זיין פּלונית'טע, ווידער משקה. וואָס דען? זיצען און קוקען דעם מתנגד אין די הענד אַריין! ניט דערהאַרען זאָל ער דאָס דער עוכר ישראל.

עטעלע: וואָס שרייסטו זיך אויף די ציין?! ביסטו דען ווערטה די בלאָטע פון דעם מתנגד'ס פאָדעשוועס?!

שמאי: (אַפּאַרט) אַ יקרות געוואָרען אויף מתנגדים!

משה: עטעלע! וואָס בלאָזסטו זיך אויף מיר? פאַרקעהרט צו דיר האָב איך גאָר ניט!.. דו געפעלסט מיר אַ סך בעסער ווי מיין הינדעטשקע, הלואַי וואָלט מיר געווען אָנגעקומען אָט דער פעטער ביסען!

דוד'ל: פיהרט איהם אַרויס פון דאַנען! איך לערן מיך אַלעס מיט געדולד איבערטראָגען, אָבער עס איז שוין איבער דער מאָס, נעהמט איהם צו פון דאַנען!

משה: שווער! איך וואָלט אייך געזאָגט אויף דעם חסידישען לשון וואָס איהר זענט, איהר האָט עס פערדינט כשר ווי איך בין אַ יוד; נור איהר זענט אַ יוד אַ למדן אַ בעל תורה און איך וויל אייך חלילה ניט פוגע בכבוד זיין. איהר אַליין האָט אַ פנים ווי אַ אַלטער נאַר, און מיר אַלע האָבען אַ פנים ווי חוזק!.. דער גרויסער חכם אַליין איז אַריין צום מתנגד אין די לאַפּעס מיט זיין מלוכה. (גיטעלע, שמאי, פיהרען איהם אַרויס).

עטעלע: אָט דאָס זענען אייערע פיינע איידעמס, די שטילע די גוטע, די פרומע. וואָס איז אברהם חריף? שיכור'ן קען ער ניט, קיין עזות פנים קען ער אויך ניט זיין! ווייס איך?

דוד'ל: איך האָב צו אייך גאָר ניט, איהר זענט אַלע גוטע, אַלע פרומע, אַלע קלוגע, נאָר איך אַליין בין דער אַלטער נאַר (אויפטריט שמאי).

שמאי: חריף געהט אַהער מיט טייבעלען!

דוד'ל: צו וואָס געהט זי נאָך אַהער?! וואָס וויל זי נאָך פון מיר?!.. מיין קאָפּ, מיין שוואַכער קאָפּ!.. (אויפטריט חריף, טייבעלע).

חריף: לאָז מיך צורוה! איך וועל דיר ניט געבען קיין געלד אויף שמדשטיק, איך קען ניט געגען געהען דעם שווערס ווילען. (אויפטריט חנה לאה).

טייבעלע: מוטער!..

חנה: טײַבעלע!.. מײַן טײַבעלע!..

דוד'ל: דו אַלטע נאַר וואָס איז מיט דיר די שמחה?!

עטעלע: אַ קלײנע שמחה?!.. די מאַראַס דאָקטאָרקע איז דאָך גע־קומען!

שמאי: אײדער וואָס ווען לאָמיך דער ווײַל צובײַסען (עסט). אָט אַזוי ווי איהר זעהט מיך האָב איך מיך שוין אויפגעהערט צו וואַשען און צו בענשען! מײַנע זינד זאָלען נאָר פאַלען אויף דעם מתנגד'ס קאָפּ. (אָב).

טייבעלע: פאָטער! פאַר וואָס ביסטו בײז אויף מיר? וואָס פאַר אַשלעכט'ס האָב איך דיר געטהון?!

חריף: זי פרעגט נאָך, די אונפערשעמטע?!

עטעלע: קאַרג יסורים האָט זי אָנגעטהון דעם טאַטען זאָל געזונד זײַן. אוי, איך קען גאָר ניט אין איהר טרפה'נה צורה אַרײַן קוקען (אב).

טייבעלע: פאַטער וואָמיט האָב איך מיך קעגען דיר פערזינדיגט?!

דוד'ל: מיט וואָס דו האָסט פערזינדיגט?! דו אונפערשעמטע! איך בין נאָך ניט דערפאָהרען קײן ארץ ישראל, האָסטו שוין קײן צײַט ניט געהאַט און פון דיר אַראָב געוואָרפען דאָס יודישקײט! וואָס? דו ווילסט ווערען אַ דאָקטאָרקע?! הײלען קראַנקע מוזשיקעס פון קדחות? וואָס ביסטו אַצונד אַ לעהרערקע?.. אַ דאָקטאָרקע?!..

חריף: גוטע יאָהרען! אַז אַזאַ מויד ווי זי האָט שוין לאַנג בעדאַרפט התונה האָבען, ווערט זי גאָר אויף דער עלטער אַ מלמדיכע, שעהנע זאַכען קען זי אויסלערנען די תלמידים?!

טייבעלע: האָב איך דען געקענט דאָ בלײַבען?! דו זעהסט דאָך אַלײן יעצט פאַטער, ווי ביטער עס איז דעם וואָס דאַרף אָנקומען צום צווײטען, איך וויל לערנען וויל זײַן אַ זעלבשטענדיגע נוצליכע פערזאָן.

דוד'ל: איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי קען אַמײדעל זײַן זעלבסט־שטענדיג, נוצליך? נאָר איהר זענט אַצונד די חכמים! געה זיך דיר וואו דו ווילסט, איך ווויש אָב מײַנע הענד פון דיר.

טייבעלע: פאָטער! איך וויל ניט זײַן גלײַך מיט אַלע אונזערע פרויען, וועלכע פיהרען אײן נאַרישעס לעבען, וועלכע זענען דינסטען, ענטוועדער מעטרעסען צו זײערע מענער, שווער זעהר שווער איז אונס פרויען צו געהן געגען דער אַלטער מײנונג, שווער זיך צו בעפרײַען און ווערען אײן ניצליכעס מיטגליעד דער געזעלשאַפט, אָבער מיר מוזען. מיר וועלען אַרונטער וואַרפען די אײַזערנע קײטען מיט וועלכע מיר זענען צוגעשמידט צו דער אַלטער רואינע, מיר ווילען אויך האָבען פפליכטען, מיר

ווילען אויך האָבען רעכֿטע, פֿאָטער, ליעבער פֿאָטער!

דוד'ל: וואָס ווילט איהר פֿון מיר? וואָס פּלאָגט איהר מיך? וואָס צאַפּט איהר מיך טראָפּפּען-ווייס מײַן בלוט? נישטאָ קיין רחמנות!.. נישטאָ דוד משה'לעס!.. אַלעס פֿראַנק און פֿרײַ, קײַנער פֿרעגט מיך ניט, קײנער הערט מיך ניט... קײנער הערט ניט מײַן ווילען... בעגראָבֿען, לעבעדיגערהייד האָט איהר מיך בעגראָבֿען!.. אוי ווער צו מײַנע אַלטע יאָהרען!..

טייבֿעלע: איך וויל דיר ניט אַנטהון קיינע אומזיסטיגע יסורים.

הריף: דו ווילסט ניט?!.. צו וואָס זשע קומסטו אַהער? ווי אַזוי האָט מען עס ניט אין אמת'ן קיין ורחמנות אויף אַזוי איין אַלטען טאַטען?! ער קען נאָך חלילה קראַנק ווערען! נו גער דיר!.. (ער שטופּט איהר).

טייבֿעלע: לאָזט מיך! לאָזט מיך! איך וויל מיט מײַן פֿאָטער רעדען.

חריף: גער! גער! (שטופּט איהר, אויפֿטריט יפה).

יפה: צוריק! דו הונד, דו צבֿועק! עס איז לײַכֿט צו פֿערשטעהען פֿאַר וואָס דו ווילסט ניט אַז דאָס אָרדענטליכֿע מײדעל זאָל אַהער קומען, דו האָסט מורא זי זאָל מיט איהר טאַטען ניט רעדען, זי זאָל ניט איהר טהייל פֿאָדערן?! אָה! איהר קרומע רוקענס! איהר זענט אַלע גוט און פֿרום נאָר ביז צו דער קעשע-נע!— אָבֿער איהר קלוגער ר' דוד'ל איהר ווילט נאָך אַלין ניט עפֿענען אײַערע אויגען און זעהן ווער עס איז אײַך באמת טרײַ? איהר שפּילט נאָך אַלס די ראָלע פֿון קעניג ליר און זעהט ניט וואָס פֿאַר אַ טרײַע פֿריינדין איהר שטויסט פֿון אײַך אַוועק?!..

דוד'ל: וואָס ווילט איהר פֿון מיר? וואָס פּלאָגט איהר מיך? גאָט!.. גיעב מיר געדולד! גיעב מיר געדולד! (אויפֿטריט עטעלע, שמאי)

עטעלע: וואָס איז דאָ פֿאַר אַ געשרײַ פֿאַר אַ געפּילדער?!

חריף: איך ווייס? עס איז עפּיס געקומען איין אונפֿערשעמטער קבצן און וידעלט מיר גאָר.

יפה: שווײַג! צווינג מיר ניט איך זאָל דיר זאָגען ווער עס איז אונ-פֿערשעמט, איך אָדער דו? אָבֿער דאָס וועל איך דיר זאָגען, דו צבֿועק! ווייס, אַז אָרעם און אומגליקליך איז נאָר דער וואָס האָט קיין גייסטיגע רײַכֿטהום און ליעבענדעס הערץ און אין דיעזען זין ביזט דו געוועזען און בלײַבסט אַ עוויגער קבצן!..

שמאי: דאָס איז דערפֿאַר ווײַל די נשמה איז בײַ איהם אַ קבצנישע ווי זאָגט מען דאָס — פֿון קיין חזיר-פֿעל קען מען קיין שטרײַמעל ניט מאַכֿען.

עטעלע: נו, ווי געפֿעלט עס אייך?! עס וואלט געווען שטיל, טראָגט עס זיי אָן און מען מאַכט גאָר קריעג מיט מחלוקת, דער טאַטע זאָל געזונד און שטאַרק זיין וואָלט אָפֿשר געוואָלט זיך צו לייגען אָבּרוהען אָדער אַריין קוקען אין אַ ספֿר, קומען זיי צו געהן און קריעגען זיך גאָר?!

שמאי: דער אַלטער וויל נעבעך עסען און זי שיקט איהם גאָר לער־נען אָדער שלאָפֿען!

טייבעלע: פֿאָטער ווילסטו מיך אַמאָל אויסהערען?!

דוד'ל: איך וויל ניט! איך האָב שוין גענוג געהערט און גענוג געזעהן!

טייבעלע: ערלויב מיר ביי חריפֿ'ן צו נעהמען אַ קליינע סומע, איך פֿאָהר קיין פּעטערבורג, און בעט ביי חריפֿ'ן ער זאָל מיר יעדען חודש שיקען 25 רובל.

עטעלע: עפּעס וואַלגערען זיך ביי איהר די פֿינף־אונד־צוואַנציגער'ס; די געלערנטע מענשען פֿערשטעהן דען וואָס עס הייסט געלד, און וואָס עס הייסט פֿערדינען אַ קאָפּיקע? זאָל איך קרענקען!

טייבעלע: איך גלויב אַז מיין פֿאָטער האָט זיך נאָך ניכט ענטזאַגט פֿון זיין וואָרט און איך האָב דאָס רעכט צו פֿאָדערן מיין טהייל.

דוד'ל: דוד משה'לעס האָט קיין חרטה ניט, ער נעהמט ניט צוריק דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל אַוועקגעשענקט, דו קענסט מיט דיין געלד טהון וואָס דו ווילסט!

חריף: יאַ, באַלד וועל איך איהר געבען! אַגרויסע מצוה וועל איך האָבען!

שמאי: ער לייגט צו זיין באָבעס ירושה.

חריף: און מיט וואָס בין איך זיכער אַז דו וועסט מיך אַמאָל צורוה לאָזען, היינט ווילסטו געלד אויף דאָקטאָריע, מאָרגען וועסטו וועלען געלד אויף שמדשטיקערײַ, עס איז גאָר אָן אַ עק.

עטעלע: איז ער דען ניט גערעכט? קלוגער קאָפּ מיינער!

שמאי: אַי! איז דאָס אַ געבראָטענער מתנגד!

חריף: ווייסטו וואָס?! שרייב דיר אונטער אַז דו וועסט ביי מיר מעהר ניט פֿאָדערן, וועל איך דיר שיקען אויף דיינע תאות, נו... לאָז זיין 25 רובל איין מאָנאַט.

יפה: און דאָס זאָגט אַ גאָטספֿאָרכטיגער מאַן, און דאָס זאָגט איהר אין דער געגענוואַרט פֿון דיזען עהרליכען גרייז און דער גאָט צו ווילען דו יעזואיט ווענדעסט דיינע טרפֿה'נע בליקען האָט נאָך ניט געשיקט זיינע דונערן און זיינע בליצען זיי זאָלען צו שמעטערן דעם קאָפּ פֿון דעם בעטריגער?!.. קומט טייבעלע,

איהר האט דא ניט מעהר וואס צו טהון, איך האב קיינע רייבע עלטערן איך ערוואַרטע פון ניעמאַנדען קיינע שטיצע, אליין מיט מיינע אייגענע הענד וועל איך מיר דעם וועג דורכשניידען. גיט מיר אייער האַנד, ביידע צוזאַמען וועלען מיר אַרבייטען, ביידע צו=זאַמען געהן צו איין ציעל, מיר וועלען וויזען די פאַנאַטיקער דאס די שלאַפע פאַנאַטישע הענד זענען ניט אים שטאַנדע אויס=צולעשען דאס ליכט דער וויסענשאַפט! (אב).

חנה: נו מיין קינד, און מיר דער אלטער מאַמע האסטו שוין אין גאַנצען פערגעסען?!

טייבעלע: זיי געזונד מוטער! דו זאלסט וויסען, אז דו האסט א מאַכטער, וועלכע וועט דיך יעדע מינוט דערמאָנען און אז דו וועסט זעהן דעם פאטערס צאָרן וועט אַביסעל געשטילט ווערען קענען זיין טייבעלע, וועלכע ער האט אמאל אזוי ליעב געהאט, זאלסט איהם און מיר אויך דערמאָנען, זיי געזונד און גליקליך, לעבט אלע רעכט וואָהל! (אב).

חריף: נו... איך בין שרעקליך מיעד! און כוחות בלייבט מען פון זיי!

עטעלע: ווער הייסט דיר זיין אזא פערד און זיך נעהמען צום האַרצען.

שמאי: אַזוי האָרעווען זיי זיך נעבעך און און פאַרגעסען גאָר, אז מען דאַרף עסען. שאַט! מיר דוכט זיך איך האב נאך ערגיץ אַשטיקעל ברויט מיט רעטיך. (אב)

חנה: גזלנים! מערדער! פאַר וואס האט איהר מיר פאַרטריעבען מיין קינד פון מיין שטוב! גיעט מיר אב מיין קינד! מיין קינד!

חריף: שווייגט שטיל! ווערט אַנטשוויעגען! אהן אייך איז דא וועניג געשריי? געהט אייך פון דאַנען!

דוד'ל: שטיל דאָרט! אויף וועמען שרייסטו? און וועמען טרייבסטו?

חריף: עה, לאסט מיך צורוה, איך בין דא בעל הבית! איך דאַרף קיינעם ניט פרעגען, וואס איך טוה?

דוד'ל: ווער? דו ביסט בעל הבית?!

חריף: יא! איך בין בעל הבית! איך זיץ ניט ביי יענעם אויפ'ן האַלז, איך דאַרף קיינעם ניט ערצעהלען, וואס איך וויל טהון, נור פאַר השם יתברך איבער 120 יאהר, פאַר איהם וועל איך אבגעבען דין וחשבון.

דוד'ל: יא, פאַר השם יתברך וועסטו דאַרפען אבגעבען דין וחשבון! געדענק דאס חריף!

חריף: איך געדענק! איך געדענק! כ'האב א גוט קעפעל, אבער ביי מיר אין שטוב בין איך בעל הבית! איך! איך!..

עטעלע: וואָס דאַרפסטו נאָך שרייען? און וואָס עסט דו זיך אָב דאָס האַרץ?

דוד'ל: ווער? דו ביסט בעל הבית?!

חריף: אַדרבה, זאָגט איהר ווער איז דאָ בעל הבית?!

דוד'ל: איך וועל דיר זאָגען ווער דאָ איז דער בעל הבית!.. איך האָב געזעהען וואָס דאָ געהט פאָר ביי מיר אין שטוב און איך האָב געשוויגען, איך האָב מיך ניט געמישט; איך האָב געזעהען ווי דו האָסט מיך און מיינע קינדער בערויבט און בעגזלט, און איך האָב געשוויגען; איך האָב געזעהען ווי דו האָסט אויף דעם דרימען מאָגאַט נאָך מיין אַוועק פאָהרען קיין ארץ ישראל מיר אויפגעהערט צו שיקען געלד און איך האָב געמוסט דאָרט מיט מיין ווייב שטאַרבען פון הונגער, איך האָב געשוויגען; מיינסטו אַודאי אַז איך בין אַצובראָכענער שאַרבען וועלכען מען קען טרעטען מיט די פיס?! גנב! צבועק! ווילסט וויסען ווער דאָ איז בעל הבית? — איך, דוד משה'לעס! שטעהט אויף פון אייערע ערטער ווען איך רייד מיט אייך!.. אַהער גיעב די שליסעל פון די קראָמען, פון די סקלאַדען, פון די קאַסאַ, די שליסעל גיעב אַהער!..

חריף: שווער לעבען!

דוד'ל: קיין וואָרט!.. די שליסעל!.. (חריף ציטערנד גיט איהם) איך בין בעל הבית!.. נאָך די רוסישע געזעטצע קען אַיעדער נעהמען צוריק דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל אַוועק געגעבען, ווייסטו דאָס?!

חריף: דאָס איז דאָך דאָס אומגליק!

דוד'ל: אַזוי?! דו ציטערסט ווי אַהונד אין קאַלטען וואַסער, דו האָסט מורא זאָלסט ניט ווערען אוים קאָמאַנדיר? — ציטערע ניכט!.. שרעק דיך ניכט!.. די רוסישע געזעצען ערלויבען טאַקע צוריק צונעהמען דאָס, וואָס מען האָט אַמאָל אַוועקגעגעבען, אָבער דוד משה'לעס ערלויבט זיך ניט אַוועקצונעהמען דאָס, וואָס ער האָט אַוועקגעשענקט, איהר זענט די בעלי בתים איהר האָט רעכט צו צאַפּען אונזער בלוט, איהר האָט דאָס רעכט צו לאָזען אונז אויסגעהן פון הונגער!.. דוד משה'לעס האָט קיין חרטה ניט מיין וואָרט איז ביי מיר טייערער ווי 300,000 טויזענד רובל, טייערער ווי אברהם חריף מיט זיין חכמה, למדות און פרומקייט, נאַ דיר די שליסעל בעל הבית מיינער!..

חנה: פרעגט צו דער אַלטער האָט עפּעס היינט געגעסען? וועה איז מיר, מיר שטאַרבען דאָך דאָ פשוט פון הונגער (אָב).

עטעליע: וועה איז מיר! ווער זשאַלעוועט אייך חלילה?! האָסטו

געהערט אביסל? — עסען איז אויך א גרויסע זאך, עסט אייך און טרינקט אייך און זייט מיר געזונד.

חריף: וועגען אזא נארישקייט, וועגען עסען זייט איהר בייז אויף מיר איהר ווייסט דען ניט, ווי די גמרא זאגט: „איינער גיט זיין טאטען עסען דאס בעסטע און ברענגט איהם פון דער וועלט און דער אנדערער מאהלט מיט איהם אין א מיהל און ברענגט איהם צו עולם הבא".

דוד'ל: איך ווייס דו זארגסט זיך שטארק וועגען מיין עולם הבא (אויפטריט שמאי, משה, גיטעלע).

שמאי: אוי, ער בריקט זיך גאר!

משה: לאז מיך, לאז מיך צו איהם!

דוד'ל: שטיל זאל זיין!

חריף: וואס וויל ער דער חסיד?

עטע'ע: וואס האסטו איהם אריינגעלאזען דו לייטענער גולם! ער וועט דאך מיר נאך דאס קינד אויפוועקען.

גיטעלע: אוועק פון מיר זאג איך דיר!

משה: לאז מיך צו איהם, זאג איך דיר! לאז ער מיר מיין געלד אבגעבען!.. חסידות מיט מתנגדות קענען קיין מאל ניט צוזאמען זיין

חריף: ארויס! זאג איך דיר, פון דאנען.

דוד'ל: שטיל זאל זיין! (ברעכט טעלער, ברעכט שטוהלען), זעהט, זעהט וואס ביי מיר אין שטוב טהוט זיך, ערשט מיט א יאהר צוריק איז דא שטיל אונד פיין געוועזען, ווי אין א בית המקדש. מיט העפליכקייט האט גערעדט איינער מיט דעם אנדערן, קיינע קללות, קיינע געשרייען האט מען ניט געהערט. און היינט, וואס הערט מען ביי דוד משה'לם?.. זיינע איידעמ'ס שלאגען זיך, וויא בעזויפענע בויערען, וואס פאר איין געשריי איז דארט? מען שלאגט זיך איבער א שטיקעל ברויט און ביי וועמען? ביי מיר! ביי דוד משה'לם דעם גביר, ביי דעם עשר אין שטוב און איך האב דאס דערלעבט צו זעהן אליין מיט מיינע אייגענע אויגען און צו הערען מיט מיינע אייגענע אויערן. גאט! גיעב מיר קראפט איך זאל דאס קענען אריבערטראגען, גיעב מיר גערולד איך זאל ניט דארפען זינדיגען קעגען דיר, האב מיטלייד, איך זאל קענען אריבערטראגען דיין שטראף, איך האב מיך אליין געשטראפט און איך מוז עס צוקוקען און שווייגען, אבער ווען דאס הערץ צוקאכט זיך און דאס בלוט הייבט אן אין מיר צו זידען דאכט זיך מיר, אז איך שטעה אויף און מאך פון די אלע קליינע מענשעלעך א תל. נאר ניין!.. דוד משהילם גיעב דיר ניט נאך!.. שווייג, האב גערולד, נעהם אן פארליעב דאס, וואס

דו האָסט פֿאַרדיענט—אַך!.. עס שטיקט מיך! די קרעפֿטען פֿער־
לאָזען מיך! וואַסער!.. וואַסער!.. קען איך ביי מיר אין שטוב קיין
ביסעל וואַסער ניט קריגען?!.. וואַסער!.. (פֿאַלט).

אלע: פֿאָטער! פֿאָטער!..

פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

דריטער אקט.

אַ שעהן צימער פֿון ביידע זייטען טישען מיט
זעסעל אַ גלאָז־שאַנק מיט ספרים חריף, עטעלע.

חריף: זעהסטו, מיין טייערע ווייבעלע! אַט אַזוי האָסטו אַלע
חשבונות מיט אַלע רעכנונגען.

עטעלע: יאַ עס איז טאַקע גוט דאַנקען און לויבען גאָט, מיר
וועלען שוין ניט זיין קבצנים ביז אין טוידט אריין, און פֿאַר אונ־
זערע קינדער וועט אויך קלעקען, אָבער וואָס פֿאַר אַ ניגון וועט
דיר אָפּזינגען משה חסיד? חאָטש עפּעס וועט ער דאָך וועלען!

חריף: זעהסטו, איהם הער איך ווי די קאַץ, ער וועט אפילו ברוגז
ווערען און וועט מיר ניט געבען סנדק אויף זיינעם אַ ברית, איך
האָב אָבער מורא גאָר פֿאַר איין אַנדער שלאַק, דען ניט היינט
איז מאָרגען דאַרף קומען די מאַדאַם דאָקטאָרקע, פֿאַר זיי זעהסטו
האָב איך יאָ מורא, דען די חברה פֿערשטעהן שוין יאַ אַ זאַקאָן,
זיי קענען מיר מאַכען אַלאָך אין דער קאַסע.

עטעלע: זעהסטו, דאָס רעדסטו — זאָלסט אויף מיר קיין פֿעראיבעל
ניט האָבען ווי אַקינד, 5 יאָהר האָט זי ביי דיר קיין גראָשען ניט
גענומען. זי האָט געליטען צרות, הונגער און נויט, און אַז דו
האָסט איהר צו געשיקט אַביסעל געלד האָט זי עס דיר צוריק גע־
שיקט מיט אַגאַנץ גוואַלד, וועט זי ביי דיר געלד נעהמען—אָה ניין!..
דוד משה'לס טאָכטער דאַרף ניט אַזאַ געלד, די געלערנטע מענ־
שען זענען משוגעים, האָטש גיעב זיי אַ מכה פֿערשטעהן זיי ניט
וואָס עס הייסט געלד, און וואָס ס'הייסט געשעפֿט.

חריף: פֿון דעסטוועגען האָב איך מיך דערפֿאַר אויך באַוואָרענט—אַ קשיה
אויף אַ מעשה, וואָס עס קען זיך מאַכען—הער אוים עטעלע,
טאָמער וואָס? ווי? ווען? זאָלסטו וויסען, דאָס מיר האָבען גאָר
ניט! ניט איך האָב, ניט דו האָסט, מיר האָבען ביידע ניט.

עטעלע : וואס הייסט מיר האבען ניט ? וועה איז מיר !

חריף : דאס הייסט מיר האבען יא.. נור מיר האבען גאר ניט...—איך האב אלעס פערקויפט אויף צו כלומר'שט מיין ברודער יאסלען.

עטעלע : וועה איז מיר ! און וואס וועסטו טהון, אז יאסעלע וועט דער נאך דיר אויסלאכען אין אמת'ן ?

חריף : געה נאר איינע, דאס וועט ער ניט טהון, ערשטענס איז ער מיין לייבליבער ברודער, צווייטענס איז ער איין גראבער יונג, און גיעט מיר אב גרויס כבוד, וויל איך בין דער תלמיד חכם, און דריטענס דיענט ער אויך ביי מיר, און איך גיעב איהם אפט צו פערשטעהן, אז איך בין דער בעל הבית, און פירטענס זענען דאך אלע פאפירען און דאקומענטען ביי מיר, ער וועט דען האבען וואס צו וויזען ?

עטעלע : אויב אזוי ביסטו טאקע א חכם !

חריף : אז איך בין יא אחכם, טא גיעב זשע מיר אקוש !

עטעלע : וואס איז די שמחה מיט דיר, וואס איז היינט יום טוב, צו שבת ? געה שוין געה, מען מעג דען ? משוגענער !

(קישט איהם, אב).

חריף : חא, חא, חא, אחסיד טאר טאקי ניט, אבער א מתנגד מעג. נו, עס איז מיר היינט בעסער אויף'ן הארצען, לאמיך לערנען אשטיקל גמרא. (זעצט זיך לערנען, זינגט, אויפטריט שמאי).

שמאי : ר'חריף ! ר'חריף ! געהט די חריפ'טע רופט אייך !

חריף : רוים דא אויף, דו פוילער אקס ! זעה נאר וואס פאר א מיסט דא איז ! (אב).

שמאי : איך מוז טהון דאס וואס מען הייסט מיר. איך בין אזוי ווי אהונד אהן איין עק און אזוי ווי א מלמד אן אקנעלונג. ער רופט מיך פוילער אקס, זי רופט מיך פוילער הונד. חריף מיינט אז ער איז אגאנצער חכם, וויל ער האט די אלע ממתקים, אז איך וואלט געהאט געלד אין בייטעל וואלט איך געוועזן אגאנצער ר' שמאי. אז מען גיעט מיר גאר קיין עסען, זיי ווילען, ווי עס וויזט אויס פראביערען, ווי לאנג אמענש קען לעבען אן עסען. איך האב שוין פערגעסען די צייט ווען איך האב מיך זאט אנגעגעסען, איך האב שוין פערגעסען גאר ווי אברויט זעהט אויס און דא לאזט מען מיך ניט שלאפען אויך גאט זיי דאנק וואס עס איז קיינער ניטא, וועל איך דערווייל חאטש חאפען א דרעמעל. גוטער גאט טהו מיר חאטש דעם איינעם נס, עס זאל זיך מיר חלומ'ן, אז איך עס (שלאפט איין, אויפטריט טייבעלע).

טייבעלע : אך ווי קלאפט מיר מיין הערץ זא שטארק, ווי ציטערן מיר מיינע גליעדער, איך בין יעצט ווידער אין דאס הויז, וואו

איך האָב מײַנע בעסטע קינדער־יאָהרען פֿערבראַכט, 5 יאָהר מיט קײנעם זיך ניט געזעהן, 5 לאַנגע יאָהר ניט געזעהן מײַנע טײַערע עלטערן און גאָר ניט געהערט פֿון זיי, אַך מײַנע ליבע עלטערן!.. וואָס? ווער איז דאָס, שמאי? אַך מײַן גאָט! ווי אַ מענש קען זיך אין אַזאַ קורצער צײַט פֿערענדערן?! שמאי! (וועקט איהם)

שמאי: (האַפּט זיך אויף) כ'האָב שוין אַלעס רײַן געמאַכט.

טייבעלע: איהר דערקענט מיך ניט? שמאי!

שמאי: טײַבעלע! אונזער טײַבעלע איז דאָ?

טייבעלע: יאָ, טײַבעלע.

שמאי: טײַבעלע! טײַבעלע! (קושט איהר די הענד).

טייבעלע: נו שמאי, וואָס מאַכט איהר? און וואָס מאַכען מײַנע עלטערן?

שמאי: וואָס זאָל מען מאַכען! איהר זעהט דאָך אַז פֿון מיר איז געוואָרען אַ תל, מען שלאָגט מיך, מען הרגעט מיך און עסען גיעט מען מיר אַ מכּה. איך וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפֿען, וואו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט, קען איך אָבער ר' דוד'לן אַלײן ניט איבערלאָזען, אוי! איהר וועט זיי ניט דערקענען; די אַלטע בעל הבית'טע איז נעבעך קראַנק און שוואַך און ער זעהט שוין ניט, איבער זײַנע אויגען האָט זיך אריבער געצויגען אײַן פּרכת ווי אויף אַ אָרון הקודש.

טייבעלע: אָ פֿאָטער! ליבער פֿאָטער!.. ווען איך וואָלט זיי ניט פֿערלאָזט וואָלטען זיי פֿיעלײַכט ניט געקומען צו אַזאַ לאַגע, און וואו זענען זיי יעצט?

שמאי: די מאַמע איז איהם געגאַנגען אָבנעהמען פֿון בית המדרש דען אַלײן קען ער דאָך ניט טרעפֿען, אַמאָל פֿלעגט עס זײַן מײַן אַרבײַט, אָבער יעצט זאָגט עטעלע אַז פֿון דער מאַמען איז סאַי ווי סאַי קײן נוצען נישטאָ אין שטוב, לאָז זי געהן שפּאַ־ציערען און דו שמאי ביסט ניט קראַנק צו אַרבײַטען. טײַבע״ע! זי ווייל איך זאָל האָרעווען ווי אַ פֿערד און עסען ווי אַ פֿײַגעלע, איך קען אײַך שווערען, אַז מײַנע קישקעס זענען שוין אויסגע־דאַרט, ווי אַסאָלדאַטשקע פֿאָדעשווע.

טייבעלע: 5 יאָהר! וויפֿיעל ביטערע און שוואַרצע טעג האָבען מײַנע עלטערן געמוזט איבערלײַדען, נאָר דערפֿאַר ווײַל איך האָב געוואָלט זעלבסט־שטענדיג זײַן, צו טײַער האָב איך פֿאַר מײַן גליק בעצאָהלט!

שמאי: איהר זײַט טאַקע געוואָרען אַ דאָקטאָר מיט אַלע פּיפּטשיקלעך?

טייבעלע: יאָ שמאי, איך בין דאָקטאָר!

שמאי: אזא אמת'ר דאקטאר, ווי אמאנסביל?

טייבעלע: יא, מיין טייערער פריינד. עס האט מיך צוואר טהייער זעהר טהייער געקאסט, אבער מיין ציעל האב איך ערריינכט.

שמאי: נו און ער, אייער שוהמאכער?

טייבעלע: וועלכער שוהמאכער?

שמאי: ער, דער פראנצויז, וואס האט אייך אונטערגעריכטעט, ער פון דער ריאבער שוהל?

טייבעלע: אה! יפה?! ער איז אויך דאקטאר, און נאך וואס פאר א דאקטאר ווען ער זאל זיך נאר וועלען טויפען וואלט ער געווארען פראפעסאר.

שמאי: אזוי? ער פרעסט און איך בין הונגעריג. נו ער האט זיך ניט געוואלט איבער קוטשקען, פארט איין יודיש הערץ, ווי זאגט מען דאס, א יודישע נשמה איז ניט פון א קליאטשע געמאכט... שא, ר' דוד'ל געהט!

טייבעלע: וואס? דער פאטער געהט? איך וועל מיך שטעלען אן אזייט מען זאל מיך נישט זעהן, אך פאטער! ליעבער פאטער!

(וויינט, אויפטריט חנה לאה, דוד משלה'ס).

דוד'ל: חנה לאה! איך וויל עפעס עסען?

חנה: באלד, איך וועל געהן בעטען עטעלען עפעס עסען, מיינע שונאים זאל אזוי ליעב זיין דאס לעבען, ווי מיר איז ליעב צו געהן בעטען עסען (אב).

טייבעלע: אך מיין עלענדער, אונגליקליכער פאטער! (ער וויינט).

דוד'ל: שמאי!

שמאי: הא?

דוד'ל: ווער זיפצט עס דארטען?

שמאי: קיינער ניט! דאס האב איך אזא זיפץ געטהון.

דוד'ל: א מענש דארף ניט זארגען, נאך וואס זיפצסט דו נאר איינער?

שמאי: איך זארג מיך דען? איך בין גלאט הונגעריג, עפעס ווי טויזענד קעטש וואלטען זיך געדראפט ביי מיר אין מאגען. אי, ר' דוד'ל ווען טייבעלע וואלט געווען אונזער בעל הבית'טע וואלטען מיר אזוי הונגעריג ניט געווען.

דוד'ל: שמאי! וואס האסטו דיך פלוצים דערמאהנט אן טייבעלען?!

שמאי: כ'האב מיך גארניט דערמאהנט איך זאג גלאט אזוי, נו און איהר האט שוין גאר פערגעסען אן טייבעלען?

דוד'ל: פערגעסען? שוטה איינער ווער פערגעסט עס אן זיין קינד? און נאך אזא קינד! עס געבען זיך איין אנדערע קינדער אזעלכע

גוטע, אֲזעלכֶע פרומע, אזעלכֶע עהרליכֶע, — דאָס איז געוועזען אַבעזאָנדערעס קינד! זי האָב איך ליעב געהאַט גאָר מיט איין אַנדער מין געפיהל! אַז מיין הערץ איז געוועזען פערשטיינערט, און אַז איך האָב זי נאָר דערזעהן, פלעגט מיין הערץ ווייך ווערען ווי וואַקס. בין איך אַמאָל ביי געוואָרען, אַז איך האָב נאָר דערזעהן איהר זיס שמייכעלע אויף איהרע ליפען בין איך שוין גוט געוואָרען עס איז מיר געוואָרען אַזוי גוט, אַזוי פרעה־ליך אויף'ן הארצען. דיר מעג איך עס זאָגען, איך האָב זעהר ליעב געהאַט דאָס קינד! זי איז געוועזען מיין טרייסט מיין אַלעס (טייבעלע וויינט), וואָס איז דאָרט? שמאי! צו דאַכט זיך מיר צו וויינט טאַקע יעמאַנד?!

שמאי: דאָס האָט מיין מאָגען אָנגעפאַנגען צו וויינען. ר' דוד'ל איהר וואָלט נאָך אַמאָל געוואָלט זעהן טייבעלען?

דוד'ל: זעהן? זעהן וועל איך זי שוין קיין מאָל ניט קענען! פאַר מיר איז דאָס ליכט אויף אייביג פערשוואונדען איך האָב געמיינט, אַז איך זעה און פערשטעה בעסער פון דער גאַנצער וועלט, האָט מיך גאָט בלינד געמאַכט; איך האָב געמיינט אַז איך בין קליגער פון אַלע מענשען האָט מיך גאָט צום נאַרען געמאַכט; אַ צונד זעה איך נאָר פאַר מיר מיינע אייגענע אינערסטע וועלט, די אויסערע וועלט איז פאַר מיר פערשוואונדען אויף עוויג.
(שמאי אב)

טייבעלע: פערצווייפעל ניכט ליעבער פאָטער!

דוד'ל: שמאי, ווער איז דאָרטען?

טייבעלע: פאָטער, ליעבער פאָטער ערקענסטו ניכט דיין קינד טייבעלע?

דוד'ל: טייבעלע! טייבעלע מיינע!

טייבעלע: יאָ, איך בין עס דיין טייבעלע, וועלכע דו האָסט אַמאָל אַזוי ליעב געהאַט (פאַלט אויף זיין האַלז).

דוד'ל: טייבעלע! דו ביסט געוועזען די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב דאָ גערעדט? דו האָסט אַלעס געהערט?

טייבעלע: יאָ פאָטער, איך האָב אַלעס געהערט איך האָב געהערט ווי אַזוי ליעב און טייער איך בין ביי דיר געוועזען.

דוד'ל: דאָס איז געוועזען אַמאָל, ווען איך האָב דיך גערעכענט פאַר דער גוטער, שטילער טייבעלע, אַז איך האָב געמיינט, אַז אָהן מיין ווילען וועסטו קיין שריט ניט מאַכען דיין גאַנץ לעבען, אַז איך האָב נאָך געמיינט, אַז עס איז דאָ מענשען, וואָס מען קען זיי טרויען, אַז איך האָב געמיינט אַז עס איז דאָ מענשען, וואָס מען קען זיי... נאָר... טייבעלע! וואָס ווילסטו אַצונד פון מיר?

טייבעלע: איך וויל אייך איבערצייגען, אַז איך האָב אייך קיין

מאָל נישט גענאַרט, איך ליעבע אייך פון טיעפען הערצען. פאָ־
טער, איך בין שוין יעצט זעלבסטשטענדיג, איך קען אונטער־
שטיטצען מיינע עלטערן איך בין דאָקטאָר איך גלויב עס וועט מיר
געלינגען דיינע קראַנקע אויגען ווידער געזונד צו מאַכען און עס
וועלען זיך נאָך אומקעהרען די פערגאַנגענע גליקליכע טעג!

דוד'ל: אַצונד וועט מען מיך שוין ניט נאַרען, דאָס וואָס איז אַמאָל פאַרביי, דאָס וועט זיך שוין ניט אומקעהרען צוריק; איך בין געוועזען אַ געאַכטעטער מענש, אַצונד בין איך אַגאַרניט; איך בין געוועזען אַ גביר, אַצונד בין איך אַ אָרעמער בעטלער. ניין! ניין! דאָס וואָס איז אַמאָל געוועזען וועט זיך שוין ניט אומקעהרען צוריק!..

טייבעלע: פאָטער! לערן מיך בעסער, ווי אַזוי איך זאָל אומקעה־רען דיין ליעבע צו מיר? פאָטער! טייערער פאָטער!

דוד'ל: אַוועק! אַוועק! איהר זענט אַלע פאַלש, איהר האָט אַלע ליעב נאָר זיך אַליין, איהר אַלע רעכענט זיך פאַר קליגער פון דעם אַלטען בלינדען טאַטען! לאָסט מיך!.. לאָסט מיך!.. ריהרט ניט אויף די וואונ־דען פון מיין קראַנקעס הערץ! (אויפטריט חריף, עטעלע).

עטעלע: אַט אַזוי ווי דו זעהסט פון אין דער פריה געהט נאָר אַסרדה פון עסען, גלייך ווי זיי וואָלטען געקומען פון הונגער לאַנד. דאַכט זיך אַלטע מענשען, וואָס דאַרפען זיי אַזוי ציטערן איבער זיך... אברהם! זעה נאָר אַ גאַכט אין שטעדטעל, סקאַציל קומט, מאַדאַם דאָקטאָרקע, אַהאַ אַגאַסט די געלערנטע מלכה שבא איז געקומען.
(אויפטריט חנה לאה, שמאי).

חנה: טייבעלע! מיין קינד!..

טייבעלע: מוטער! ליעבע מוטער!

דוד'ל: נאָך נישט צייט מען זאָל מיר געבען עפעס עסען?

שמאי: מיין מאָגען שיקט מיר שוין לאַנג טעלעגראַמעס, אַז ער איז הונגריג.

חריף: שווער אויף אייך האָב איך מיך גאָר ניט גערעכט, אַז איהר אַזאַ חכם ווי איהר זענט, זאָלט ניט מעהר אין זינען האָבען ווי עסען און עסען, פוי! עס איז ניט שעהן פון אייך!

שמאי: וואָס איז דאָ ניט שעהן? איך האָב אַליין געזעהן אַדין אין דער גמרא, אַז לערנען דאַרף מען ווי אַ איד און עסען ווי אַגוי.

חריף: דיין גוישקען קאָפּ זאָלסטו אויף דיר אַזוי האָבען צו עס שטעהט אַזוי אין דער גמרא.

שמאי: נו, אַז עס שטעהט ניט אין דער גמרא איז עס אַשלעכטער דין?

דוד'ל: חנה לאה! זאָג זיי, זיי זאָלען מיר געבען עפעס עסען.

טייבעלע: וואָס גיעט איהר ניט עסען דעם טאַטען? זאָגט נאָר וויפיעל מאָל דאַרף ער בעטען עסען? מוטער! שמאי! גיעט איהם געשווינדער עסען, נו שמאי! וואָס זיצט איהר?!

שמאי: עס איז איהר לייכט צו זאָגען געשווינדער וואָרום אַ שטיקעל רעטיך קריעגט מען דען, דאָ איז דאָך אַלעס אונטער אַ שלאָס.

עטעלע: דו יורקע האָסט שוין געעפענט דיין פערדיש מויל ווער בעט דיך דו זאָלסט מיך דערמאָנען, און אָהן אייך ווייס איך ניט, אַז מען דאַרף געבען דעם טאַטען עסען, אָבער איך קען מיך דאָך אַליין ניט צו רייסען איבער דער גאַנצער שטוב, מעג מען דאָך אַביסעל צו וואַרטען איך האָב נאָך היינט אַליין אויך ניט אין מויל געהאַט!

שמאי: אַזוי פיעל בלאָטערן זאָל זיך איהר זעטצען אויף דער צונג וויפיעל בייגעל זי האָט שוין היינט אויפגעגעסען.

חריף: מאַרש, איך קיך אַריין! (שמאי אָב.)

טייבעלע: וואָס שטעהסטו נאָך? וואָרום גיעסט דו ניט דעם טאַטען עפּעס צו עסען? מוטער ווי אַזוי ערלויבסטו, אַז דער אַלטער בלינדער טאַטע זאָל ליידען הונגער?

חנה: וואָס זאָל איך טהון מיין קינד, אַז אַלעס איז בעהאַלטען אונטער אַ שלאָס.

טייבעלע: פערשלאָסען? נו זעהט מענשען, ווי פאַלשקייט, חניפה שמייכלעריי געפינט גרינג אַן אָרט אין מענשענ'ס הערץ, אָבער די ליעבע, די ריינע ליעבע די האָט קיין צוטריט... נור וואַרט! פאַר אייער גרוזאַמקייט, פאַר אייער אונגערעכטיגקייט געגען מיין בלינדען פאָטער וועל איך ראַכע נעהמען, איך וועל אייך לערנען, ווי מען דאַרף האַלטען עלטערן! מוטער! וואָרום שווייגסטו? דער פאָטער איז דער ווירקליכער הער, דער ווירקליכער ווירט און איינציגער פערוואַלטער איבער דאָס הויז, ברעכט אויף אַלע שלעסער! רייסט אויף אַלע טיהרען (ברעכט אַלעס) איך וועל אייך וויזען, ווי מען דאַרף עהרליך האַלטען עלטערן!.. ראַכע, פאַר מיין בעליידיגטען פאָטער! (אָב, חנה אויך).

עטעלע: נו, וואָס זאָגט מען צו איהר טאַטען? גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד.

חריף: שד'יכע, פאַר וואָס גיעסטו ניט צו עסען? מיט דיין איינשפאָרעריי וועסטו אונז אַלע אונגליקליך מאַכען, געה גיעב איהם עסען!

עטעלע: טאַטעניו! וועסט עסען קעז מיט סמעטענע? אָט וועל איך באַלד ברענגען. (אָב)

חריף: אָסור מיר, אויב איך וואָלט עס מיר אויף אויך געגלויבט אַז איהר זאָלט מאַכען אַזאַ טאַראַראַם פון עסען, איהר זענט דאָך עפּעס

אַ איד אַ למדן איהר ווייסט דאָך יאָ וואָס די גמרא זאָגט : גאָט ווייסט אַז אַהונד האָט וועניג שפּייז דערפאַר מאַכט ער אַז דער שפּייז זאָל ליעגען 3 טעג אין זיינע געדערם. היינט: מה דאָך אַז פאַר אַהונד זאָרגט גאָט ער זאָל ניט שטאַרבען פאַר הונגער היינט פשיטא שוין פאַר אַ מענשען !? איהר זאָלט אַפילו צעהן טעג ניט עסען וועט איהר אויך ניט שטאַרבען, סיידען חלילה עס איז אויף אייך נגזר געוואָרען מן השמים, צום סוף מאַכט איהר גאָר אַגאַנצען ליאַרם פון דעם עסען, אָט אפנים אַז איהר זענט אויף דער עלטער שוין אויך אַביסעל געהאַפּט געוואָרען .

דוד'ל : אוי, מיין קאָפּ ! מיין אַלטער קאָפּ !

חריף : וואָס, דער קאָפּ טהוט אייך וועה ! ? און איך האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס ריידען, נו, איך וויל אייך יעצט ניט מטריח זיין (אַפּאַרט) איך וועל מיך שטעלען עקסטרא אָן אַזייט און וועל הערען וואָס דער אַלטער וועט דאָ רעדען פון מיר .

דוד'ל : שמאי ! חנה לאה !.. עס איז שטיל, קיינער איז נישט דא, מען האָט מיך איבערגעלאָזט אַליין ! בעסער, בעסער צו זיין אַליין אין אַ שרעקליבע וויסטע, בעסער צו וואָהנען מיט ווילדע חיות, צווישען הונגריגע וועלף, בלוט-דורסטיגע טיגערן, איידער לעבען צוזאַמען מיט די פאַלשע פערשטעלטע, אונדאַנקבאַרע מענשען. עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין אמת. ליגען !.. ליגען !.. עס איז נישטאָ קיין ליבע, עלטערן האָבען ניט ליעב זייערע קינדער און קינדער האָבען ניט ליעב זייערע עלטערן, יעדער האָט נאָר ליעב זיך, זיך אַליין. איך בין גליקליך, וואָס איך בין בלינד און זעה שוין נישט די פאַרמאַסקירטע, אַהשייליבע, מענשליבע פנים'ער איך וואָלט נאָך גליקליכער געווען איך זאָל אויך טויב ווערען און זאָל נישט הערען זייערע פערגיפטעטע שטימען, זייער פערפעסטעטען אָטהעם. חאַ, חאַ, חאַ, אַגרויסע זאַך איז דער מענש ! ביים הונד ליגט דער שפּייז 3 טעג אין מאָגען, און דער מענש, דער חכם, דער פילאָזאָף, דער העלד, דער למדן, ער מוז עסען אַלס 6—7 שעה !.. אָ, מיין קאָפּ ! מיין קראַנקער, שוואַכער קאָפּ !

חריף : דער האָט זיך צופיעל אָנגעפאַנגען אַריינצולאָזען אין חקירות, איך האָב מורא, אַז אויף דער עלטער וועט ער נאָך ווערען אַ גאָרינגדיגער אפיקורוס (אויפטריט משה) .

משה : וואָס ? קיינער איז דאָ נישטאָ ? נאָר דער אַלטער עובר בטל אונד דער פאָנפּעוואַטער מתנגד, קומט אַריין חברה! (חסידים קומען) .

חריף : וואָס איז דאָס פאַר אַגעשריי, אַליאַרעם ? וואָס איז דאָס היינט פאַר אַשמחה ? האַ ?

משה: אט דאס איז גוט! די שמחה איז וואס משה חסיד איז א חסיד א פײערינגער שיכור, אלעבעדיגער יונג און ניט אזא קאלטער מתנגד מיט אפערפראָרענעם נאָז.

חריף: אבער וואס טהוסטו דא פײערינגער שיכור? מײנסט אפשר אז דא איז אקלײזעל! געה דיר מיט דײן באנדע שיכורים!

משה: שא! שרײא ניט! וואס איך טהו דא שיכור! פרעגסטו? עס איז געקומען די צײט צו װײזען, אז איך בין אויך דא א בעל הבית הײנט מאך איך בײ מיר אין שטוב א סעודה, חברה! צורוקט די טישען! (געהט און ברענגט ארײן װײן, ברענגט אויף אלע שלעסער, טראגט ארײן אלסדינג) יעמוד זרח־ברוך תן כבוד לתורה לחיים, לחיים! (טרינקט)

דודל: אום גאטעס װילען, געהט אײך פון דאנען און מאכט מיר ניט דול מיט אײערע װילדע געשרײען.

משה: שװער! איהר שװײגט בעסער, איהר זענט שוין לאנג אדולער איהר װײד דול זײט איהר האט איבערגעגעבען די מלוכה צום מתנגד אין די הענד ארײן; אמאל האב איך אײך געהאלטען פאר אשטילען מענשען, אבער הײנט זענט איהר אין מײנע אויגען א שברי כלי, א חרם הנשבר. לחיים! לחיים!

חריף: דו װעסט אװעק געהן פון דאנען צו נײן? ארויס פון דאנען!

משה: חברה נעהמט איהם און לעגט איהם ארײן מלקות (אויפטריט עטעלע צובראכט די טעלער בײ דער טיר).

עטעלע: אט װעט שוין װידער ניט האבען דער טאטע װאס צו עסען! װעה איז מיר! נאך אין קעהלער האב איך געהערט די װילדע געשרײען דאס איז אלץ דײנע משוגה'נע שטיק, דו משוגענער חסיד! שיכור! הולטאי! אט נעהם איך דעם בעזעם און צושפאלט דיר דײן קאפ.

משה: דערצעהל דער באבע דײנער! האסטו אבאבען?

חריף: װאס שטעהסטו װי אלײמעגער גולם, לויף ברענגען פאליצײ!

עטעלע: פאליצײ! פאליצײ! (אב).

דודל: שמאי!.. שיקט מיר אהער שמאי'ן! נײע סקאנדאלען! נײע חרפות, נײע בזיונות! שיקט מיר אהער שמאי'ן! מײן טײערן שמאי'ן! אוי יודען האט רחמנות און פיהרט מיך ארויס פון דאנען פיהרט מיך צו נאר ביז צום טהיר! איך װעל עס ניט אויס האלטען!

אײנער: איהר װעט באלד עפעס זעהן! קום אלטער תרח איך װעל דיר װײזען די טיהר (שטופט איהם צו די טיהר אלע לאכען. טײבעלע יפה).

יפה: א װעה! אין װעלכער שרעקליכער לאגע מיר זעהען אונז װיע־דער—אלט, שװאך, קראנק אונד בלינד! װאס איז געװארען פון בעריהמטען דוד משלה'ס.

דוד'ל: עֶס איז גֶעוואָרֶען דאָס, וואָס האָט גֶעדאַרפט צו ווערֶען, קיין זאך גֶעשׁיעהט ניִשט דורך אַצופאַל.

איינער: עֶר טאַפּט דעֶר אַלטעֶר און קעֶן די טיהר ניט געֶפינעֶן.. (אלע לאַכעֶן).

יפה: שווייגט, זאָג איך! ווי שעֶמט איהר אייך ניט צו לאַכעֶן פון דיעזעֶן עֶהרווירדיגעֶן גרייז? פון וועֶמעֶן לאַכט איהר? גיעט אַקוק אויף זיין טרויעֶריגעֶס געֶזיכט! אויף די טרעֶהרֶען, וועֶלכעֶ ריִנעֶן פון זיינעֶ קראַנקעֶ אויגעֶן! איהר לאַכט ווי עֶר טאַפּט און קעֶן די טיהר ניט געֶפינעֶן, לאַכעֶן דאַרף מעֶן דאַפאָן? וויינעֶן! וויינעֶן דאַרפט איהר מיט בלוטיגעֶ טרעֶהרעֶן וואָס איהר פעֶרפאָלגטעֶ און פעֶרהאסטעֶ יודעֶן האָט ניט ליעב איינעֶר דעֶם צווייטעֶן, איהר שטייסט אייך אַלעֶ ביי די ווענד אין דעֶר פינסטעֶר! איהר לאַכט איינעֶר פון צווייטעֶנס אונגליק. אָך! וואָס פאַר איין טרויעֶריגעֶס לאַכעֶן דאָס איז; ר' דוד'ל זאָגט מיר מיט וואָס קעֶן איך אייך דיִנעֶן? וואָס פעֶהלט אייך? עֶרלויבט מיר איך ווֶעל געֶהן אינס גערִיכט צום פראָקוראָר, איך ווֶעל זיי אַלעֶ דאָ ברעֶנגעֶן לאָזעֶן זיי זעֶהן ווי אונדאַנקבאַר קינדעֶר בעֶהאַנדלעֶן זייעֶר אייגעֶנעֶם פאָטעֶר!

דוד'ל: איך דאַרף ניט, מיר פעֶהלט גאָר ניט. איך בין צופריעדעֶן מיט מיין שיקזאַל. נאָר שיקט מיר אַהעֶר שמאי'ן!

טייבעֶלע: אָ, פאָטעֶר! וואַרום ווילסטו ניט איינזעֶהעֶן, ווער דיר איז אין אמת'ן געֶטריי? וואַרום ווילסטו ניט אָננעֶהמעֶן די הילפעֶ, וואָס מיר דיינעֶ קינדעֶר, לעֶגעֶן דיר פאָר?

יפה: ר' דוד'ל וואָס העֶרט איהר ניט די, וואָס מיינעֶן עֶס גוט מיט אייך? וואָרום פעֶרשטויסט איהר די הילפעֶ פון אייעֶר בעֶסטעֶן גוטעֶן פריינד? אָ ליר! ליר! יודישעֶר קעֶניג ליר! ניט אומזינסט שטאַמט איהר פון אַזאַ פאָלק, וואָס איז שוין לאַנג בעֶקאַנט פאַר אַ עַם קשי־ערף. ר' דוד'ל פאָ'גט מיך, קומט מיט מיר.

דוד'ל: האָט רחמנות, שיקט מיר שמאי'ן! מיין טרייעֶן שמאי'ן.

יפה: קומט, טייבעֶלעֶ! איהר זעֶהט דאָך, אַז דעֶר האַרטנעֶקיגעֶר אַלטעֶר איז ניט צו בייגעֶן! קומט, איך ווערדעֶ שוין וויסעֶן, וואָס איך האָב צו טהון! (צו די חסידים) און אייך זאָג איך איהר זאָלט דעֶם אַלטעֶן אַביסעֶל בעֶסעֶר בעֶהאַנדלעֶן, זאָנסט וועֶט איהר עֶס מיט מיר צו טהון האָבעֶן.

טייבעֶלע: גאָט עֶפנעֶ זיינעֶ אויגעֶן און מאַך וויי‌כעֶר זיין הערץ! (ביידע, חסידים, אָב. אויפטריט שמאי).

שמאי: איהר האָט מיך גערופעֶן ר' דוד'ל?

דוד'ל: שמאי! קום גיך עֶפעֶן מיר אויף די טהיר, איך וויל אויף דעֶר־

גאָס זײַן, קום! געװוּג צו זײַן אַגאַסט בײַ מײַנע קינדער, אויף דער גאַס װעל איך מיר שוין אַלײן קענען העלפּען יעדען פֿאַרבײַגעהענדען װעל איך צורופֿען מיט מײַן אויסגעשטרעקטער האַנד.. גוטע מענשען שענקט אַנדבה דוד משלה׳ם.. שענקט אַשטיקעל ברויט איך בין הונגריג.. מענשען מיט ערבאַרמונג װעלען זיך געפֿינען, װעלכע װעלען מיר ערטױבען אין די קאַלטע װינטער נעכט מײַנע אַלטע גלידער אַנצװאַרמען.. גיך שמאי, די צײַט שטעהעט נישט, עפֿען מיר אויף די טהיר!

שמאי: װאָס? מײַן אַלטען גוטען בעל הבית װעל איך לאָזען געהן אַלײן! נײַן, חוץ אײַך האָב איך קײנעם ניט אויף דער װעלט! גיעט מיר אהער אײַער האַנד, איך געה מיט אײַך!

דודל: שמאי! דו זאָלסט פֿון יעצט אָן זײַן דאָס ליכט פֿון מײַנע אויגען, מיר װעלען בערײַזען די גאַנצע װעלט, מיר װעלען זיך לערנען שכל בײַ מענשען.. שמאי! יפה דער לעהרער רופֿט מיך דער יודישער קעניג ליר חא.. חא.. רעספּעקט פֿאַר דעם קעניג!.. מאַכט אַװעג פֿאַר דעם קעניג!.. װיװאַט פֿאַר דעם נײַעם בלינדען בעטלער! שענקט אַנדבה דעם יודישען קעניג ליר!.. שענקט!.. שענקט!.. (בײדע אָב לאַנגזאַם געאָרמט).

פיערטער אקט.

א רײכער זאַל בײ יפה, געדעקטער טיש, לײַכטער, ליכט אין דער מיט א פֿענסטער מען הערט דונערן, יפה, טײבעלע, חנה לאה.

חנה: אַלעס איז אין דער בעסטער אָרדנונג נו, קינדערלעך איך װינש אײַך מזל טוב, זײַט גליקליך, װי איהר װינשט זיך אַלײן!.. װאָס פֿאַר אַשלעכט׳ס װעטער עס איז אין דרויסען!

טײבעלע: מוטער, זעטץ דיך צװישען מיר און דײַן אײדעם דעם אַפּיקורוס.

יפה: יא נעבען אײדעם דעם אַפּיקורוס.

טײבעלע: פֿאַלקאָמען װאָלט יעצט אונזער גליק געװען, װען אונזער אַלטער פֿאָטער װאָלט אויך מיט אונז געװען צוזאַמען, אָבער גאָט װײסט װאו ער איז!

חנה: װאָס פֿאַר אַחתונה עס װאָלט געװען בײַ אונזער מיזיניקעל װען ער װאָלט אויך געװען מיט אונז צוזאַמען, מיר װאָלטען געפֿיהרט אַזאַ לעבען װי אַמאָל ער װאָלט דאָך געװען אַראָבגעבראַכט די שקלאָװער מוזיק, עס װאָלט געקאָכט די גאַנצע שטאָדט!

טײבעלע: מוטער, נאַר נאַרישע מענשען זוכען זײער גליק איבער

דיִ גאַסען מיִט אַ גרויסע פּאראַדע גייִן, דאָס וואָס איז טייַער און הייליג איז ווייט פון נאַרישען שטאָלץ און פאַלשען גלאַנץ.

יפה: איז נישט ווערט אייער מיזיניקעל איהר זאָלט איהר גלייך געבען אַ קוש פאַר איהרע קלוגע רייד?

חנה: דו ביסט איין געלערנטער מענש דו פערשטעהסט בעסער פון אונז אַלטע נאַרען. נו קינדערלעך, איך וועל געהן זעהן, אויב אין דרויסען רעגענט עס נאָך אַזוי שטאַרק. (אָב)

יפה: גוטע, שטילע, טייבעלע מיינע, נישט אומזיסט האָב איך דיך ליעב בעקאָמען פון דעם ערשטען מאָמענט, ווי איך האָב דיר דערזעהן איך האָב אָבער ניט געוואָלט אַרויסווייזען איך בין געוועזען אַ שטרענגער לעהרער.

טייבעלע: אָ דו שלעכטער מענש!

יפה: אָבער די גליקליכע צייט איז דאָך געקומען (מען קלינגט) האַ מען קלינגט.

טייבעלע: וואַהרשיינליך געסט, (יפה קוקט אין פענסטער).

יפה: ווייסט ווער עס געהט צו אונז חריף מיט עטעלען.

טייבעלע: די טייערע געסט לאָז איך דיר איבער. (אָב)

יפה: האַ! האַ! די פיינע געסט ואל איך אויפנעהמען? נו.. נו.. (אויפטריט חריף מיט עטעלע).

חריף: אַ גוט נ'אָבענד אייך! מז"ט אייך ר' יפה! אַך! איז אַ קעלט אין דרויסען!..

עטעלע: מזל טוב גאָט זאָל געבען עס זאָל זיין מיט גליק! וואָס זאָגט איהר צו דער קעלט, האַ?

חריף: זעהט איהר, חאָטש מען האָט אונז ניט געלאַדען זענען מיר אַליין געקומען אויף דער חתונה אייך אָבגעבען אַ שעהנעם מז"ט און אַ דרשה געשאַנק.

עטעלע: וואָס דען? איך זאָג צו מיין חריף'ן וואָס דאַרפען מיר וואַרטען אויף כבוד, מיר זענען דאָך אייגענע, ווי זאָגט מען דאָס—בלוט איז דאָך קיין וואַסער.

חריף: די גמרא זאָגט: כל איש שיש בו דעה כאלו בית המקדש נבנה בימיו, דער מענש וואָס האָט וויסענשאַפט איז גלייך, ווי דאָס בית המקדש ווירד געבויט אין זיינע צייטען. ווי באַלד איהר זענט נאָר אַ מענש מיט וויסענשאַפט נעהמט צו אייער שענעם מז"ט מיט אייער דרשה געשאַנק, אָט זעהט אַ טייערער זייגער מיט אַ קייט.

יפה: פאַר אייער מז"ט דאַנק איך אייך, נאָר אייער דרשה געשאַנק זאָלט איהר צוריק נעהמען, זאָנסט ווער איך בייז.

עטעלע: עס איז איין אומגליק מיט די היינטיגע אויפגעקלערטע דייטשען, אז מען שענקט זיי א טייערן זייגער בייזערן זיי זיך גאר. נו, נו! האבען מיר ניט געטאנצט מיט׳ן בער אבער ביי־ זערן דארפט איהר אייך ניט; זאגט מיר איך בעט אייך, וואו איז ערגעץ טייבעלע?

יפה: ס׳איז ניט אייער עסק.

עטעלע: וואס מאכט זי? איך וואלט זי זעהר געוואלט זעהן.

יפה: איך ווייס דאך, אז איהר זענט אהער געקומען וועגען איין ציעל זאגט שנעלער, וואס פערלאנגט איהר? דען איך האב קיין צייט ניט פיעל מיט אייך צו פערברענגען, איך ערווארטע געסט.

חריף: וואס פאר א ציעל האבען מיר? — פערקעהרט מיר זענען אייך געקומען פרעגען...

עטעלע: מיר זענען דאך אייגענע און איך האב אייך שטענדיג ליעב געהאט, דאס הערץ האט אבער מיר געזאגט, אז מיר וועלען זיין לייבליכע פריינד, זאגט, וואס דארף מען זיך קריעגען היינט איז ביי אייך און ביי אונז אלע, אזא גליקליכער טאג, לאמיר ענדיגען בעסער בשלום מ׳שטיינס געזאגט עס איז שוין ניט גע־ בליעבען איבער וואס זיך צו קריעגען. צו וואס מיין חריף האט זיך גענומען איז איהם געגאנגען שלים־שלימזול, האט ער געהאנ־ דעלט מיט שניט וואארע האט ער צוגעלעגט דעם קאפ, האט ער געהאנדעלט מיט קארן—צו געלעגט, מיט פלאקס צוגעלעגט, עס איז נישטא פאר וואס זיך צו קריעגען!

יפה: אזוי? היינט איז ביי אייך א גליקליכער טאג, אויב איהר האט מיך שטעטס ליעב געהאט נון, טהוט מיר א געפאלען און גיעט אב אייער שוועסטער איהר טהייל, מיין טייבעלע וועט פאר דעם געלד בויען א שפיטאל פאר ארעמע קראנקע און משה חסיד וועט שוין אויך וויסען מיט זיין געלד וואס צו טהון.

חריף: מיט פערגניגען, נאר זאגט מיר וויעפיעל?

יפה: וואס הייסט וויעפיעל? אלעס וואס עס קומט איהר!

עטעלע: וואס רעדט איהר? עס איז אפילו נישטא קיין צעהנט־חלק פון דעם, וואס עס איז געוועזן, זעהט איהר אגרויסע מצוה וועט איהר האבען, אז איהר וועט ביי אונז צונעהמען און אוועקגע־ בען דעם רוח ווייסט וועמען, אויך מיר אגעשעפט, אשפיטאל! און דער חסיד מיינט איהר וועט מאכען א תכלית פון דער געלד ער וועט עס פערשיכורן!

יפה: ווי איך זעה וועל איך מיט אייך מיט גוטען גאר ניט אויס־ פיהרען, נו, רעגט מיך נישט אויף! איך וועל שוין אלעס גע־ ריכטליך איינפאדערן!

חריף: מיט גערירכט? מען קען זיך דען ניט באווארענען? וואס וועט איהר דאמאלס טהון, אז מען וועט אייך זאגען אז אלעס וואס איך האב, האב איך גאר נישט, נאר מיין ברודער יאסעלע האט. וואס וועט איהר כדומה למשל דאמאלס טהון?!

יפה: וואס איך וועל טהון? איהר פרעגט מיך בעסער, וואס איך האב שוין געטהון. איבריגענס איך האב יעצט קיין צייט מיט אייך צו פערברענגען, איך בעט אייך רעגט מיך ניט אויף אונד געהט אייך געזונדערהייט!

חריף: נו דארף מען ניט.

עטעלע: מיר ווילען אדרבה ואדרבה און ער איז גאר קידער ווידער. קום חריף לאמיר געהן! (אויפטריט משה, גיטעלע).

משה: א... דער פאנפעוואטע מתנגד איז דא.

חריף: דו קאלטוניוואטע חסיד!

גיטעלע: ווער האט נאך דיר געשיקט, געה שוין געה דו שעהנע מחותנת'טע. ווער האט נאך דיר געשיקט?!

עטעלע: גיעב בעסער אויף דיר אקיק דו פערשמאלצענע חסידישע יארמעלקע.

גיטעלע: נו געהט שוין ביידע מיט דעם קאפ אין ד'רערד אריין (חריף, עטעלע אב).

משה: מז"ט אייך ר' יפה!

יפה: טייבעלע, מוטער, קומט אריין! זעהט נאר וואס פאר אגעסט מיר האבען? (אויפטריט טייבעלע, חנה, לאה).

אלע: מז"ט! מז"ט! מז"ט! (צו קושען זיך).

גיטעלע: מז"ט אייך! וואס האבען זי דא געוואלט די טייערע מחותנים!

יפה: שרעקט אייך ניט! אייער געלד וועל איך אין גאנצען אויפ-מאהנען.

משה: זעהט איהר ר' יפה, דער אמת'ר עהרליכער איד זענט איהר גאר.

יפה: איך דער אפיקורוס?!

משה: נו געהט שוין געהט, איך האב שטענדיג געזאגט, אז די דייטשען זענען עהרליכער פון די חסידים.

חנה: איך וועל געהן טהעע מאכען! (אב).

טייבעלע: מוטער איך וועל דיר העלפען (אב).

גיטעלע: איך געה אויך (אב, אויפטריט געסט).

אלע: מז"ט, מז"ט!

איינער: מיר זענען געקומען אייך און אייער כלה צו איבערראשען מיט אשיינע סערענארע.

יפה: אָה זעֶהר שעֶהן, איִך דאַנק אייַך זעֶהר (די געסט זינגען, אויפטריט טייבעלע).

טייבעלע: איִך דאַנק אייַך מייַנע פרייַנד! וואָס פאַר אַגעטליִכע מעלאָדיע! איִך וויַס ניִט וואַרום האָט מיִך אייַער געזאַנג גראַדע עריִנעֶרט אָן מייַן יוגענד און אָן מייַן גוטען ליִעבען פאָטער, די עריִנערונג איִז טרויעריִג, אָבער זעֶהר זיִס!..

יפה: וואַרום זאָלען מיִר יעצט פערביטערן אונזער פרייַדע מיִט טרויעריִגע געדאַנקען?

איינער: מיִר שייַנט הער יפה, דאָס מען קלאַפּט איִן פענסטער!

יפה: דאָס שייַנט נור, דאָס קומט פון שרעקליִכען וועטער.

איינער: נייַן, נייַן, מען קלאַפּט וויִרקליִך.

יפה: דאָס מוז געוויס אַ אָרמער פאַציענט זייַן, ווען ער ווי̇ל די גלאָקע ניִט ציִהען, איִבריִגענס איִך וועל גלייַך זעהן (מען זעהט דורכ'ן פענסטער דוד משלה'ס מיט שמאי'ן)

טייבעלע: אַך, מייַן פאָטער!..

יפה: בערוהיִגע דיִך מייַנע טייַערע! (אויפטריט דוד'ל, שמאי).

שמאי: פּאַוואָילע ר' דוד'ל, דאָ איִז דאָ אַטרעפּ.

דוד'ל: שמאי, וואו אַהין האָסטו מיִך געבראַכט? איִך פיִהל דאָ איִז דאָ אַסך מענשען! שמאי וואו זענען מיִר?

שמאי: מיִר זענען בייַ גוטע מענשען! זעצט אייַך אַניִדער, רוהט אייַך אויס, וואַרעמט אייַך אָן אַביִסעל (זעטצען זיך אויף דר'ערד).

דוד'ל: שמאי! מייַן הערץ איִז מיִר זעהר שווער! זאָג מיִר, וואו זענען מיִר? זאָג מיִר, וואָס איִז דאָ אַשמחה אָדער אַטרויער, דען איִך הער מען וויינט דאָ!

משה: מען דאַרף געהן אַרייַנשיִקען די שוויִגער (אב).

שמאי: דאָ איִז אַשמחה מען וויינט פאַר פרייַדע.

דוד'ל: וויינען פאַר פרייַדע, דאָס איִז זעלטענע און גוטע טרערען! שמאי מייַן הערץ איִז מיר זעהר אונרוהיִג. נאַר ניִט אַ בליִנדען מענשען זאָג איִז דאָ איִן אמת'ן אַשמחה?

טייבעלע: יאָ, יאָ, אַשמחה די גרעסטע שמחה! ווי קען דען בייַ קיִנדער אַגרעסערע שמחה זייַן, ווי זיי געפיִנען צוריִק זייער פערלאָרענעם פאָטער!

דוד'ל: וואָס געהט דאָ פאָר מיִט מיִר? וואו ביִן איִך דאָ?

טייבעלע: וואו דו ביִסט? דו ביִסט בייַ מיִר! דערקענסטו שוין ניִט דייַן טייַבעלע וועלכער דו האָסט אַמאָל אַזוי ליִעב געהאַט?

דוד'ל: ווער איִז דאָס?

טייבעלע: איך בין עס דיין טייבעלע! פאטער!.. ליעבער פאטער!.. (וויינענד צו איהם).

דוד'ל: טייבעלע, מיין טייבעלע! גאטעניו, זאל דאס אלעס וואהר זיין? איז דאס אלעס ניט איין שרעקליכער חלום?!..

טייבעלע: ניין פאטער! דאס איזט אלעס וואהר דו בּיסט בּיי דיין קינד וועלכע האט דיך ניע אויפגעהערט צו ליעבען און צו שעצען? (אויפטריט גיטעלע).

גיטעלע: טאטעניו, ליעבער טאטעניו!

דוד'ל: ווער איז דאס?

גיטעלע: איך בין דיין טאכטער גיטעלע!

דוד'ל: מיין גאט, וואס טהוט זיך דא מיט מיר? שמאי, גיעב מיר דיין האנד.. מיינע קרעפטען פערלאזען מיך.. (ער חלש'ט).

אלע: פאטער! ליעבער פאטער.

יפה: בערוהיגט אייך נאר, לאסט מיך צו (גיעט איהם צו שמעקען, אויפטריט חנה).

חנה: וואס האב איך געהערט? מיין דוד'ל איז דא? דוד'ל!

דוד'ל: חנה לאה! מיין אלטיטשקע חנה לאה, דו בּיסט אויך דא?!..

חנה: דו בּיסט בּיי דיינע קינדער, גאט אליין האט דיך אראב געבראכט אין דעם טאג, וואס טייבעלע האט חתונה.

יפה: פאטער! האט מיך אויך איין ווייניג ליעב, דערפאר וואס איך האב דאס גליק אייער יונגסטע טאכטער פאר א פרוי צו נעהמען.

טייבעלע: פאטער, ווארום ווילסטו מיך היינט ניט ליעב האבען ווי אמאל?

שמאי: ער וויל אייך ניט ליעב האבען?—פרעגט מיך וועל איך אייך זאגען. פון ווען האט ער גערעדט די לאנגע ווינטער-נעכט, ווען ניט פון אייך? אייער נאמען איז איהם ניט אראב פון זיינע כשר'ע ליפען.

דוד'ל: עס איז אמת טייבעלע! דיך ניט ליעב האבען האב איך ניט געקענט. אויך דאמאל'ס ווען איך האב דיר פערשטויסען פון מיר איז געוועזען מיין הערץ פול מיט ליעבע צו דיר. און איך האב אלס געטראכט, ווען וועט שוין קומען דער גליקליכסטער טאג, ווען איך וועל קענען זעהן מיין טייבעלע. און אז די וועלט איז פאר מיר פינסטער געווארען, דאס ליכט פערשוואונדען געווארען פון מיינע אויגען איז נאר איין געשטאלט געשטאנען שטענדיג פאר מיר און מיך געטרייסט און גערופען צו זיך, דאס איז געוועזען דאס געשטאלט פון מיין קינד טייבעלע... טייבעלע, טרייב מיך ניט ארויס פון דאנען, לאז דעם אלטען בלינדען בעטלער שטארבען נעבען

דיר, לאָמיך הערען די זיסע שטימע פֿון מיין קינד לאָמיך הערען די טריט פֿון מיין קינד'ס פיסעלעך !.. אך קינד מיינס! איך וועל מיך ניט קענען פֿון דיר שיידען...

טייבעלע: מיט מיר וועסטו שוין אייביג זיין, ליעבער, גוטער אונד בעזער פֿאָטער!

דוד'ל: אָ! גאָטעניו! עפֿען מיר אויף מיינע אויגען, חאָטש אויף איין אויגען-בליק! איך זאָל וועניגסטענס זעהן מיינע קינדער.

יפה: (בעטראַכט זיינע אויגען) איהר וועט אונז נאָך אַלע זעהן ליעבער פֿאָטער. איינע קליינע אָפּעראַציאָן וועט אייך צוריק געבען דאָס ליכט, ניט אומזאָנסט האָט איהר צוויי קינדער דאָקטוירים.

דוד'ל: אָה! צו פֿיעל גליק. (חלש'ט)

אלע: פֿאָטער!

שמאי: לאָסט אייך ניט אָב ווי אקינד ר' דוד'ל.

יפה: שרייט ניט אַזוי (גיעט איהם שמעקען) פֿיהרט איהם אַריין אין איין וואַרמעס צימער גיעט איהם צו טרינקען איך ווערדע זאָפאָרט מעדיצין פֿערשרייבען. (חנה, טייבעלע, פֿיהרען דוד'ל אָב).

יפה: נו מיינע פֿריינדע מיט דעם אַלטען וועט עס בעסער געהן דאָס איז בלויז פֿון אויפרעגונג, יעצט איז אונזערע פֿריידע דאָפעלט גרויס. נון אונטערהאַלט אייך (אָב).

שמאי: נו, בין איך ניט אַחכם איונג? דאָך בין איך אַגרויסער נאַר פֿאַר וואָס האָב איך איהם פֿריהער ניט אַריינגעבראַכט? נאָר אַקליינינגקייט עפעס אָבצונאַרען ר' דוד'ל? נו! גיט מיר עפעס טרינקען, איך מוז מיך היינט אָנשיכורן, אַז אין גן עדן זאָל אַרויך געהן (פויזע),

משה: זאָל איך אמתנגד ווערען, אָב דו וועסטו מיך איבעריאָגען, הער זשע שמאי ווען איך האָב דערזעהן דער שווער האָב איך געוואָלט באַלד אַנטלויפען, וואָרום דו געדענקסט דאָך, ווי איך האָב איהם אַמאָל בעליידיגט, יעצט האָט ער דערהערט מיין שטימע אין יענעם צימער האָט ער געזאָגט: משה, דו ביסט אויך דאָ און האָט מיר געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם. לחיים, שמאי!

שמאי: לחיים! לחיים! (אויפטריט חריף עטעלע).

עטעלע: געוואַלד! וואו איז ערגעץ יפה, וואו איז מיר הער יפה?

חריף: העלפֿט מיר האָט רחמנות!

עטעלע: גוטער, זיסער, טייערער, ליבער הער יפה! רעטעט אונס איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען, מיר זענען אומגליקליך!

שמאי: רעדען האָט זי ליעב ווי אַ אידענע און פעטש גיעט זי ווי אַ פויער.

יפה: זאָגט וואָס פֿערלאַנגט איהר?

עטעלע: איך האָב געהערט, איהר געדענקט דאָך, אַז מיר האָבען אייך פֿריהער געזאָגט, אַז מיר האָבען גאָר ניט, נאָר יאָסעלע זיין ברידער

ער האט. מיר קומען יעצט אהיים געהט יאסעלע ארום אין שטוב אזוי ווי א בעל הבית און שרייט: ווי לאנג וועט איהר נאך זיצען אויף מיין קאפ, זאפארט זאלט איהר מיר מיין הויז פערלאזען. ווערה איז מיר, איך האב דאך שוין גאר ניט?

שמאי: האסט שוין גאר ניט, נא דיר א טארבע און געה אין די הייזער.
(טהוט איהר אן זיין טארבע).

עטעלע: געוואלד איך וועל מיך הענגען, איך וועל מיך טרענקען איך וועל מיך סם'ן (אויפטריט דיענער מיט איין בריעף),

יפה: שא שרייט ניט אזוי! מיט וואס פאר אמאס איהר האט יענעם געמאסטען מעסט מען אייך!

שמאי: אזוי ווי אין משניות שטעהט: פקד פקדות, האסט געפיקט יענעם פיקט מען דיך. (אויפטריט דוד'ל, חנה, טייבעלע).

יפה: זעהט בעסער ווער דא איז דא?

עטעלע: טאטעניו!

דוד'ל: ווער איז דאס?

עטעלע: איך דיין טאכטער עטעלע!

חריף: שווער לעבען!

דוד'ל: און ווער איז דאס?

חריף: איך חריף!

עטעלע: טאטעניו? וואס זאגסטו פארט אויף דיין חריפ'ן, דעם חכם? ער האט דאך אונז אלע אונגליקליך געמאכט, ער האט אונז גענארט און פערקויפט צו זיין ברידער יאסלען און יעצט לאכט ער אונז אויס אין אמת'ן.

חריף: שווער לעבען! גאט האט מיר בעצאהלט ווי איך האב עס פערדינט... מענשען! שפייט מיר אין פנים, צורייסט מיך אויף שטיקער! לעגט מיך אלעבעדיגען אין ד'רערד אריין איך האב עס עהרליך פערדיענט.

דוד'ל: זעהט קינדער, ווי מיר ווערען בעשטראפט נאר דערפאר ווייל מיר לעבען אהן גערעכטיגקייט, נאר דערפאר, ווייל מיר ווי'ען ניט זיין עהרליך אונד פיין, געלד, דאס איז אנארישקייט, לאז נאר זיין דאס הערץ גוט אונד די געדאנקען ריין.

עטעלע: אונגליקליכע ארעמע מענשען!

שמאי: אז ר' דוד'ל רעדט דאכט זיך מיר, אז איך פליה ווי א פלעדערמויז אין הימעל אריין!

יפה: פאטער! איך האב יעצט ערהאלטען א בריעף פון פראקוראר ער איז מיין בעסטער גוטער פריינד, ער שרייבט, דאס משה חריף'ס ברידער איז ארעטירט אונד ער איז ביים געריכט געשטאנען אונד דאס גאנצע פערמעגען געהערט דוד משה'לס

נור דוד משלה'ס איז דער אײנציגער פערוואלטער איבערן גאנ־צען פערמעגען !

שמאי: נו, נו, וועט מען יעצט אנהײבען צו עסען !

יפה: אונד די פאליציי זאָל יעצט חריף'ן מיט זײן פרוי עטעלען.

עטעלע: די פאליציי וועט קומען נאך אונס?

דוד'ל: שרעקט אײך ניט, איך וועל קײנעם ניט לאזען פון אײך קײן שלעכטס טהאן און דאס וואס איך האב אײך אמאל אוועק־געגעבען קעהרט צו אײך צוריק, איך בין שוין אלט, קראנק און שוואך, איך קען ניט פיעל רעדען, נאר דאס וועל איך אײך זאגען, בעגנינט אײך מיט דעם וואס איהר האט, בעגעהרט ניט אריינצוחאפען אין אײערע הענד די גאנצע וועלט זײט נאר פרום, זײט נאר גוט, נעהמט זיך אראב א מוסר פון מיר דוד משה'לס, אדער ווי יפה רופט מיך, דער יודישער קעניג ליר !

משה: עס זאל לעבען מײן שווער דוד משה'לס, גאט זאל איהם געבען ארפואה צו זײנע קראנקע אויגען.

אלע: אמן !..

דוד'ל: אצינד קומט אהער צו אײער קראנקען, אלטען, בלינדען, טאטען. טײבעלע ! וואו איז ערגעץ יפה? קינדער ! עס איז מיר באשערט אײך צו דער חופה צו פיהרען, פערצײהעט מיר, קומט אהער אלע קינדער צו אײער אלטען, בלינדען טאטען, איך בעט אײך מיט טרעהרען, וועלכע רינען פון מײנע אלטע קראנקע אויגען, גיעט אײך די הענד אײנס דעם אנדערן און פערגעסט דעם האס, וואס עס איז צווישען אײך געוועזען נעהמט אײך אײן בײשפיעל פון טײבעלען, ווי אומגערעכט איך האב גע־האנדעלט קענען איהר האט זי מיר דאך אלעס פערצײהט, פער־גיבט אײך קינדער, לעבט אין פריעדען!

יפה: איך, יפה דער אפיקורוס וויל צײגען דעם ערסטען בײשפיעל! היער איזט מײן האנד אלעס איזט פארגעסען!

טײבעלע: קום אהער שוועסטער מײנע לאמיר זיך צו קושען.

עטעלע: ערלויב מיר בײ דײנע פיס, פערצײהונג צו בעטען, טא־טעניו.

חריף: פערצײהט אונז שווער!

דוד'ל: איך פערצײהע אײך קינדער, לעבט גליקליך, נאר אחדות און שלום זאל בײ אײך הערשען, זאגט אלע אמן !

אלע: אמן !..

פארהאנג פאלט.

3 צוגעגעבענע ליעדער וועלכע ווערען געזונגען אין פיעל ערטער.

(דאס ליעד זינגט שמאי זעה זייטע 13).

I.

בורא פרי הגפן.

ווען עס טריקענט אויס די קוועלען,
דאס האט מען אויסגעפארשט,
זעהט מען אין די גאסען פאלען,
מענשען פאר גרויס דארשט,
עס פלאמט מיר אזש מיין פנים,
מענשען זאלען נישט פערשטעהן,
זיי בעטען וואסער די נארנים,
פון א בארג און פון אשטיין,
אדרא דא לויף איך אין מיין ווייןהויז אריין,
און לאז אויס מיין הארץ צו דעם וויין
און מיט פערדראס,
הויב איך דעם כוס,
און טרינק שטארק אונבערופען,
און מיט גרויס הבטחה,
מאך איך די ברכה,
בורא פרי הגפן.

II.

בורא פרי העץ.

א יונגער מאן א פיינער בריה,
פערשפיעלט אמאל זיין וועלט,
מיט איין אלטער א חאלעריע,
וואס איז, זי האט פיעל געלד.
מיט אשטעקען ברעכט זי איהם די ביינער,
און שעלט איהם מיט קללות אהן א שיעור,
און דער קלאץ, אט דער נאר איינער,
קוקט נאך מיט מורא זיך צו צו איהר.
אדרא לויף איך און מיין ווייןהויז אריין,
און לאז אויס מיין הארץ צו דעם וויין.
און מיט פערדראס,
הויב איך דעם כוס.

צו טרינקען פֿאַר דעם לין ,
און מיט גרויס הבטחה
מאַך איך די ברכה
בורא פרי העץ .

III.

בורא פרי האדמה .

אַ מיידעלע גאָר אָהן אַ חסרון
יונג , שעהן און פֿיין ,
פֿערקויפֿט אַמאָל איהרע יונגע יאָהרען
צו אַ יונגען שאַרלאַטאַן ,
איהר אַרט ניט זיינע ליידענשאַפֿטען ,
וויל ער איהר די ליעבע שווערט ,
און זי וועט ביי איהם דאָס קען איך אייך האַפֿטען ,
ליגען טיעף אין דר'ערד .
אָדאָ לויף איך אין מיין ווייַנהויז אריין ,
און לאָז אויס מיין האַרץ צו דעם וויין ,
און מיט פֿערדראָס ,
הויב איך דעם כוס ,
צו טרינקען פֿאַר איהר נשמה
און מיט גרויס הבטחה ,
מאַך איך די ברכה .
בורא פרי (מיידעלע) אדמה .

(די ליעדער ווערען געזינגען אין פֿיעל ערטער ביים ענדע פֿון 1=טען אַקט) .

פֿרעהליך זאָלען מיר אַלע זיין
טרינקט אַלע אויס דעם וויין ,
טרינקט—מיר טרינקען אַלע
זינגט—מיר זינגען אַלע ,
פֿרעהליך זאָלען מיר זיין (בים)
אָט די גוטע אסתר .
זי וואַר אונזער שוועסטער .
זי האָט איהר לעבען , אַוועק געגעבען .
מרדכי איהר פֿעטער וואַר אונזער רעטער ,
ער האָט אויך זיין לעבען פֿאַר אונז געגעבען .
הללויה ! הללויה ! הללויה ! (פֿרעהליך א. ז. ח.)

שושנת יעקב צהלה ושמחה ,
בראותם יחד תכלת מרדכי . (אַלע בים)
המן האָט געוואָלט די יודען אומברענגען ,
האָט מען איהם געטהון אַליין אויפהענגען ,
ס'איז אויף די אידען געווען אַ גרויסע צרה .
איז ער געוואָרען אַליין די כפרה . (אַלע בים)
שושנת יעקב צהלה ושמחה ,
בראותם יחד תכלת מרדכי .

פֿאַר אַמאָליגע יסורים ,
האָט מען היינט אַ יו"ט פורים ,
מיר פּייערן איהם מיט גרוים קוראַוש ,
און מען פערבייסט מיט אַ המן-טאַש . (אַלע בים)
שושנת יעקב צהלה ושמחה ,
בראותם יחד תכלת מרדכי .